מרדכי שאַבעל

# אַפן פראַנט און אין געפאַנגענשאַפט

(כתבים פון אַ אידישן אינוואַליד).

BELLUM BELLO

אויסגאַבע פון באַלטישן אידישן קריגס=אינוואַלידן פאַריין

ריגע 1930

מרדכי שאבל

# אַפן פראָנט און אין געפאַנגענשאַפט

## (כתבים פון אַ אידישן אינוואַליד)

KORPORATSIOON LITUANIA TARTU.

BELLUM BELLO

15749

אויסגאַבע פון באַלטיש-אידישן קריגס-אינוואַלידן פאַריין
ריגע 1930

איבערדרוקן און איבערזעצן אָן
דעם ערלויבניש פון מחבר פאַרבאָטן.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

Tipografija „Splendid“, Kungu ielā 21, tālr. 27249.

* * *

דער מחבר מרדכי שאַבעל איז אַ מיטגליד פֿון אונזער פֿאַריין, אַן אַרבעטער. ער האָט מיטגעמאַכט די וועלט־מלחמה און איז אַ קרבן פֿון דעם גרויסן אומזין, וואָס האָט אַרופֿגעלייגט זיין שטעמפּל אויף זיין גאַנצן לעבן.

דער דאָזיקער ווערק פּרעטענדירט ניט אויף קיין ליטעראַטור אָדער קונסט. ס'איז אַ פּשוטע דערציילונג פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט דאָס זעלביקע, וואָס אַנדערע מיליאָנען. ס'איז כראָנאָלאָגיש איבערגעבן, וואָס איינער פֿון די מיליאָנען האָט געליטן פֿונם ערשטן מלחמה־טאָג אין קאַזאַרמע, אויפֿן וועג, אין די אָקאָפּעס, פֿעלדער און וועלדער, אין די לאַזאַרעטן, וואַגאָנעס, באַראַקן, אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביז ער האָט זיך אָנגעלעבט די שרעקלעכע קראַנקהייט און האָט זיך ענדלעך אומגעקערט אַהיים. אויך דאָ האָט ער קיין נחת ניט געהאַט. די שווערע האַנט פֿון גורל האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזן פֿון דער גאַנצער אכזריותדיקייט און פֿון זיין פֿאַרביטערטן האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפֿער קרעכץ, וועלכן ער האָט פּרובירט אָנוואַרפֿן אויפֿן פּאַפּיר.

אונזער פֿאַריין האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל

ניט נאָר צו אָרגאַניזירן די אידישע מלחמה-אינוואלידן און צו שאַפן פאַר זיי קעגנזייטיקע הילף און שטיצע. מיר האָבן זיך אויך געשטעלט די אויפגאַבע אויפצו-קלערן אונזערע מיטגלידער און צו אַגיטירן קעגן ווייטערדיקע בלוט-פאַרגיסונגען און אומנוציקע מלחמות. דאָס האָבן מיר ביז איצט דורכגעפירט אין אונזערע פעריאָדישע אויסגאַבן „דער אידישער קריגס-אינוואליד" פון וועלכן מיר האָבן שוין ארויסגעגעבן צוויי העפטן. כדי צו פאַרברייטערן אונזער טעטיקייט אפן דאָזיקן געביט האָבן מיר אויך באשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן בוך פון איינעם פון אונזערע פאַריין-חברים.

די פּשטות פון דערציילן, די ניט איבערטריבענע סצענעס, דער ווייטיקדיקער, אָבער אופריכטיקער טאָן וועט זיכער געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די לייענער און וועט פאַרשטאַרקן דעם שטרעבן און די שטימונג קעגן מלחמות און אומנוצלעכע בלוט-פאַרגיסונגען.

אויב מיר וועלן דאָס דערגרייכן, וועט אונזער אויפגאַבע זיין דערפילט.

## פאַרוואלטונג פון באַלטישן אידישן קריגס-אינוואלידן פאַריין.

# מיר פֿאָרן צום פֿראָנט.

205 ווייט אין פערסיען, אין שטאָט אַרדאַבּיל, שטייט דער מאַכינסקער פּאָלק. מען האָט אים דאָ אַוועקגעשטעלט אַף צו אונטערדריקן די אופשטענדלער פון אזיען. מיר געפינען זיך צווישן בּערג און טאָלן, דאָ זעט מען בּלויז אַזיאַטן, קיין איין ווייסן מענטשן ניט. דער לעבּן איז זייער אַ שווערער. עס זיינען אָנגעקומען די הייסע טעג. מען האָט אונדז אַוועקגעשיקט אין אַ לאַגער הינטער אַרדאַבּיל. דער לאַגער איז גרויס, געדיכט מיט פלאַנצונגען. די בּוימער בּאַדעקן די פּאַלאַטקעס. נאָך אַ שווערן הייסן איבּונגס-טאָג, וואָלט זיך זייער גוט געשלאָפן. מיר קענען אָבּער ניט און טאָרן ניט שלאָפן, דען ס'קען פאָרקומען אַן איבּערפאַל פון די מיאַטעזשניקעס. איינמאָל הערן מיר אַ סיגנאַל: תיכף נאָכדעם קומט אַ בּאפעל, אַז דער פּאָלק זאָל גיין פאָרויס. מיר זיינען אָנגעקומען צו דער אַרדאַבּילער פעסטונג. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. עס האָט געדונערט, געבּליצט און גערעגנט.

בּאַווייזט זיך דער קאָרפּוסנער קאָמאַנדיר אַף אַ ווייסן פערד. אַן אַלטער גרויער מאַן. ער איז אונז מודיע: דייטשלאַנד האָט דערקלערט מלחמה רוסלאַנד!

אַ שוידער גייט אַריבּער איבּערן קערפּער. אַ צווייאיקער געפיל: פון פרייד און פון ליידן. שוין בּאַלד 2 יאָר בּין איך ווייט צווישן בּערג און אַזיאַטן. קיין איין ווייסן מענטשן האָבּ איך ניט געזען אויסער סאָלדאַטן. עס האָט אָבּער לייד געטאָן דערפאַר, וויל אָט האָבּ איך שוין געענדיקט דינען מיין צייט און האָבּ געדאַרפט פאָרן אַהיים. איצט דאַרף מען גאָר גיין פאַרגיסן בּלוט.

אַף מאָרגן זײַנען מיר אַלע געווען צוטראָגן, צעוודערט, אַף איבונג איז מען שוין ניט געגאַנגען. מען האָט אַרויסגעגעבן גרינע קליידער (באַשיצונגס־קאָליר). אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען אונז אומבײַטן אַ רעזערווינער פּאָלק. מײַנע זאַכן, וואָס איך האָב געדאַרפט פירן אַהײם האָב איך געלאָזן אין קאַזאַרמע, ס׳איז ניט געווען ווען צו פאַרקויפן. מיטנעמען האָב איך ניט געקענט.

מיר זײַנען אַוועק פון אַרדאַביל. 75 ווערסט זײַנען מיר געגאַנגען אָן אָפּרו, איבער בערג און טאָלן, די זאַכן האָבן מיר געפירט אַף קעמלען. מיר זײַנען געגאַנגען 2 טעג. די היצן זײַנען געווען שרעקלעכע, ביז 40 גראַד, דערצו האָבן מיר געטראָגן די פולע אַמוניציע.

אַפן דריטן טאָג זײַנען מיר אָנגעקומען אַפן פּערסיש־רוסישן גרעניץ. מיר האָבן זיך געזעצט אַפן שיף. אין משך פון צוויי טעג זײַנען מיר אַריבערגעפאָרן דעם קאַספּישן ים און אָנגעקומען אין באַקו. פון דאָרטן זײַנען מיר מיטן באַן היכף אָפּגעפאָרן קיין דערבענט, וואו עס איז געשטאַנען אונזער גאַנצער שטאַב. פון דערבענט זײַנען מיר אָנגעקומען אין ראָסטאָוו אַפן דאָן. דאָ איז אונז געקומען אַנטקעגן דער רעזערוו. אָט דאָ האָב איך ערשט דערפילט, אַז איך גיי אַף מלחמה. דער באַן האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט די מוזיק אָנגעהויבן שפּילן, די פרויען און קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן. באַם האַרצן האָט אַ ריס געטאָן. ס׳האָט זיך גענומען בענקען נאָך שוועסטער און ברידער, וואָס איך האָב 3 יאָר צײַט ניט געזען און ווער ווייס, אויב איך וועל זיי נאָך זען.

מײַן חבר גרישאַ זאָגט צו מיר:

ווער ווייס, אויב איך וועל נאָך זען מײַן פרוי און קינדער!

אין וואַגאָן איז איינג און שווער די לופט. מיר זײַנען צוזאַמענגעשפּאַרט ווי שפּרעסן. אַ טייל לאַכן און זינגען און זײַנען פריילעך און אַ טייל זײַנען אומעטיק. איך זיץ מיט מײַן חבר ציקאָוו באַם פענצטער און מיר קוקן, ווי דער באַן פליט פאַרבײַ שטעט און שטעטלעך, פעלדער, וועלדער און דערפער.

פֿאַרנאַכט, בֿעת די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם אונטערגיין, זײַנען מיר אָנגעקומען אין קיעוו. דאָ האָבן אונדז דערוואַרט גײַסטלעכע: דער רבֿ און דער גלח. אַלע זײַנען אַרויס אַף דער פּלאַטפֿאָרם. דער רבֿ האָט אָפּגערופֿן די אידישע סאָלדאַטן און אונדז געבֿענטשט, מיר זאָל מצליח זײַן אַף אונזער וועג, גובֿר זײַן דעם שונא און ראַטעווען דעם פֿאָטערלאַנד. אין נאָמען פֿון גאָט פֿאַרן קייזער. דאָס זעלבֿע האָט אויך געזאָגט דער גלח און האָט דעם פֿאָלק געשאָנקען אַן איקאָנע. מיר זײַנען געווען בֿאַגײַסטערט און יעדערן האָט געציטערט די האַרץ. אַזוי האָט מען זיך פֿאַרגעסן, אַז מען גייט פֿאַרגיסן בֿלוט פֿון מענטשן.

אַף מאָרגן 6 אַזייגער פֿאַרטאָג האָט זיך דער בֿאַן אָנגעהויבֿן צו רירן. פֿון אַלע וואַגאָנעס האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. מוזיק האָט געשפּילט. אַפֿן וועג זײַנען אונדז אַנטקעגן געקומען גאַנצע עשאַלאָנען מיט פֿאַרוואונדעטע. בײַ וועמען עס איז געווען פֿאַרבֿונדן די קעפּ, בײַ וועמען די הענט, די פֿיס, און די בֿלוט האָט דורכגעזאַפּט דעם איבֿערבאַנד. אַ קאַלטער שווייס האָט בֿאַדעקט דעם קערפּער.

# דעם ערשטן מאָל אַף די פּאָזיציעס.

דריי טעג זיינען מיר געפאָרן פון קיעוו. אַפן פירטן טאָג, דעם 20=טן אויגוסט. אַ שיינעם העלן זונען=טאָג, האָבן מיר דריי וויאָרסט פון לובלין (פּוילן) דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי פון די וועלדער. דעם באַן האָט מען תיכף אָפּגעשטעלט. מיר זיינען אַרויס פון די וואַגאָנעס און זיך פונאַנדערגעשאָטן אין אַ קייט. דער פּאָלק=קאָמאַנדיר האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל מען זאָל גראָבן אָקאָפּעס. מיר האָבן באַוויזן אויסצוגראָבן נאָר קליינע גריבער, אַ שויץ פאַרן קאָפּ און תיכף אָנגעהויבן צו שיסן פון פלינטן און שווערע געווער. אַ חבר איז געפאַלן אַף מיין האַנט אַ טויטער. דעם שונאס קויל האָט אים געטראָפן אין שטערן. דער פעלד=פעבל האָט אַ קאָמאַנדע געגעבן „פאָרויס!" אים אָבער האָט אויך געטראָפן אַ קויל אין קאָפּ און ער איז געפאַלן אַ טויטער. די שלאַכט גייט ווייטער. די פאַרוואונדעטע קרעכצן. מיטאַמאָל הערט מען, אַז דער ראָטנער קאָמאַנדיר איז דערהרגעט געוואָרן. דאָס שטערט אונז ניט אין דעם ווייטערדיקן גאַנג. דער שונא טרעט אָפּ און מיר גייען פאָרויס.

שפּעט באַנאַכט. דער וואַלד פאַר לובלין איז געדיכט און פינצטער. אַרום און אַרום ברענען דערפער. פרויען, קינדער און אַלטע לייט ליגן אין די וועלדער מיט זייערע בהמות און ביסל זאַכן. זיי יאָמערן און וויינען זיך צוקוקנדיק, ווי ס'ברענט זייער היים מיט זייער פאַרמעגן.

אַוועק אַ טאָג מיט אַ נאַכט. מיר זיינען אַלע פאַרחושכט, מיד, הונגעריק און שמוציק, פאַרשפּריצט מיט בלוט פון אונזערע חברים. 7 אינדערפרי זיינען מיר אָנגעקומען צו די טויערן פון לובלין. דאָ קומט אונז אָן איבערבייט פון די סאָליאַנסקי און נאָ=וואָבאַזשעצקי פּאָלקן. מיר גייען אין אַ נאָענטן דאָרף אַף אָפּרו. מען מאַכט אַ „פּראָווערקע". עס פעלן אַ סך חברים. פון 250 מאַן פון אונזער ראָטע זיינען געבליבן אינגאַנצן 130: מיר האָבן

זיך אַביסל אַרומגעוואַשן. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך עסן. מיר באַקומען טאָפּלטע פּאָרציעס. דאָס זײַנען געווען די פּאָרציעס פון די חברים, וואָס האָבן געפעלט. מען האָט אונז פאַנאַנדערגעטײלט אין די הײַזלעך און שטאַלן צו 20 ביז 30 מאַן אין אַ הײַזעלע. בײַ יעדע הײַזל, וואו די סאָלדאַטן זײַנען אײַנגעשטאַנען. האָט מען געשטעלט אַ נאָוואַלנע. די אָפיצערן האָבן זיך אויסגעקליבן די בעסערע הײַזער און האָבן זיך אײַנגעאָרדנט באַקוועם. איבערן דאָרף האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די טשערנאָמאָרסקיע קאָזאַקן און האָבן אָנגעהויבן ראַבעווען און שענדן. זיי האָבן צוזאַמענגענומען הינער, חזירים און וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. ניט געשוינט אַפילו דאָס לעצטע פון די אָרימע פּויערים. אין דאָרף איז אַ בלאָטע, די פעלדער זײַנען רואינירט. דער גאַנצער דאָרף איז צוגראָבן פון אָקאָפּעס. די מערסטע הײַזלעך שטייען פאַרחרובט, אָן דעכער און אָן פענסטערן. דער קלויסטער איז צובראָכן און דאָרט שטייען פערד. די אײַנוואוינער פון דאָרף וואַלגערן זיך אין דרויסן. מען האָט זיי אַרויסגעטריבן, ווײַל די שטיבלעך זײַנען נויטיק פאַר די סאָלדאַטן. זיי האָבן ניט וואָס צו עסן. דער דאָרף איז אָפּגעשניטן פון שטאָט. די פרויען בעטן זיך אײַן בײַ די סאָלדאַטן, מען זאָל זיי געבן אַביסל זופּ. צו מיר קומט צו אַ קלײן קינד און בעט עסן, איך גיב אים אָפּ מײַן עסן.

איך שרײַב אַ בריוו אין דערהיים. עס גייען אַוועק וואָכן, נאָר אָף קיין ענטפער האָב איך זיך שוין דאָ ניט דערוואַרט. מען פילט זיך עלנט און פאַרלאָזן. מען פילט נאָר די שווערע דיסציפּלין. פון די אַלטע סאָלדאַטן ווערט געפאָדערט, מען זאָל אָפּגעבן „טשעסט”. אַפן פראָנט האָט דער שונא ניט געלאָזן צו רו, און אַף אָפּרו — די נאַטשאַלסטווע.

אַזוי איז אַוועק אַ חודש. ס'זײַנען אָנגעקומען נײַע סאָלדאַטן אין רעזערוו. מען האָט אָנגעפילט די ראָטעס און נאָכדעם זײַנען מיר אַוועק אין „פּאָכאָד”. מיר קומען אָן אין לובלין. מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ אַף אַ שעה. אין דער שעה, וואָס מיר געפינען זיך אין שטאָט, האָט מען שוין באַוויזן צו צוברעכן קלאַווירן, שפּיגלען און אַנדערע טײַערע זאַכן. פלוצלונג זע איך, מען

TARTU.

פירט אַרעסטירטע זקנים מיט חיים־גרויע בערד און פּרויען. פרעג איך: „ווער זײַנען דאָס?“ „דאָס זײַנען שפּיאָנען“, באַקום איך אַן ענטפער. „דאָס זײַנען פאַרעטער פון פאָטערלאַנד“. מען פירט זיי שיסן...

מיר זײַנען אַרויס פון לובלין אַף אַ גרויסן שאָסיי. דער גאַנצער שאָסיי איז צעגראָבן פון אָקאָפּעס און אַסך בערגלעך מיט צלמים שטייען דאָ. זעען מיר אַף איין צלם שטייט געשריבן: „דאָ ליגן 50 מאַן“. און ווײַטער אַביסל ליגן הונדערט מאַן און נאָך ווײַטער — 30. און אַזוי ליגן פאַרזייט מענטשן אַף די וועגן פון פוילן. מיר גייען אַרײַן אין אַ געדיכטן וואַלד. די זון איז אונטערגעגאַנגען, עס גיסט אַ קאַלטער רעגן. די ערד איז אויסגעווייקט און בלאָטיק. די בוימער גיבן ניט קיין שוץ, ווײַל די בלעטער זײַנען שוין אַראָפּגעפאַלן. איך בין דורכגעווייקט און שמוציק. מיטיק־צײַט זײַנען מיר אָנגעקומען אין קראַסנאַסטאַוו. דאָ איז דאָס זעלביקע, וואָס אין לובלין: מען ראַבירט, מען צושטערט.

מיר גייען דורך טאָג און דורך נאַכט. איבער פעלדער און וועלדער. אַנטקעגן אונז פירט מען פאַרביי געפאַנגענע, אַנדערע קוקן אַף אונז בייז, אַנדערע גלײַכגילטיק. זייער אויסזען האָט אין מיר דערוועקט נײַגיער: „אָט דאָס איז דער שונא“! — טראַכט איך. — „זיי זײַנען דאָך פונקט אַזעלכע מענטשן, ווי איך“. מיר דערנענטערן זיך צו אָסטראַנעץ. די שטעטל געפינען מיר פוסט און וויסט. דער גאַנצער לעבן איז אָפּגעשטאָרבן, פונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין שטעטל ניט זײַן, נאָר עפּעס אַן אינזל. ניט איין ציוויל־מענטש צו זען פאַר די אויגן. אַלץ צובראָכן, צושטאָכן און צורואינירט. אַפילו די הייליקײַטן, ווי די שולן און קלויסטערס, זײַנען אויך צושטערט. דאָ האָבן מיר זיך בלויז אָפּגעשטעלט אַף אָפּצוּעסן. מיר גייען ווײַטער ביזן טײַכל אילזשאַ. קיין בריק איז ניטאָ, מיר בראָדזשען אים אַריבער. די וואַסער דערגרייכט ביז אונטערן האַרצן. ס׳איז שוין געווען אָבער באַדעקט מיט אַ דינעם אײַז. אַז מיר זײַנען אַריבער, זײַנען די גלידער געווען שטײַף, קיין פײַער טאָר מען ניט מאַכן. מיר גייען ווײַטער. ס׳איז קאַלט, נאַס, און מיר זײַנען הונגעריק און פאַרלײַזיקט. פון וואַסער זײַנען די קליידער געוואָרן שווער, אַפילו דעם פונט ברויט, וואָס איך האָב

געהאַט מיט זיך, האָב איך געמוזט אַוועקוואַרפן, אָבער די אַמוני־ציע מוז מען טראָגן.

מיר קומען אָן אין דער שטאָט קעלץ. אַ פינסטערע נאַכט. די שראַפּנעלן רייסן זיך איינער נאָכן אַנדערן. מען הערט אויסרופנדיק: „גאָט העלף אונז! גאָט העלף אונז!“ מיר קריגן ניט אין קעלץ קיין מינוט אָפּרו. מיר גייען ווייטער און ווייטער. פאַרביי אונז פירט מען פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, פאַרבאַנדאַזשירטע און ניט פאַרבאַנדאַזשירטע. די בלוט רינט פון זיי. מען פירט זיי צו צו אַ קליינע פורל, וואו מען זעצט זיי אַריין און זיי פאָרן ווייטער. איך בין זיי שוין מקנא. רוף איך זיך אָפּ צו מיין חבר ציקאוו: ווי לאַנג וועלן מיר זיך דאָ אַזוי מוטשענען? איך וואָלט שוין וועלן אָדער דעם טויט, אָדער זיין פאַרוואונדעט, ווי די, וועלכע מען פירט דאָ אָף די וואָגנס“. מיר גייען פאַרביי דעם הילפס־פונקט פון רויטן קרייץ. ס'ווערט אַלץ שווערער און אומזי־כערער. די שראַפּנעלן רייסן זיך איינער נאָך דעם אַנדערן. פון די אַעראָפּלאַנען וואַרפט מען באָמבעס: ס'פאַלן פון אונזערע ריי־ען קרבנות. וואו מיר גייען און וואו מיר שטייען זעען מיר גע־פאַלענע, אויסגעצויגענע אָף דער ערד.

מיר געפינען זיך ווייט אין פעלד. אַ סך סאָלדאַטן ליגן אויסגעלייגט: איך גיי צו, באַטראַכט זיי גוט און זע, אַז קיין בלוט איז ניטאָ. קלער איך: „זיי שלאָפן אין מיטן פעלד: זיי מוזן נאָך זיין מידער פאַר מיר, אַז זיי הערן ניט גאָרניט, ווי די שראַפּנעלן און באָמבעס רייסן“. איך פרוב איינעם אַ וועק טאָן, אַ צווייטן, אַ דריטן. זיי שטייען אָבער ניט אויף. קער איך איבער באַ איינעם דעם פנים און דערזע פאַר זיך אַ שוידערלעכן בילד: דער פנים איז שוואַרץ, פאַרברענט און אויפגעשוואָלן. די מויל פאַנאַנדערגעריסן, די ליפּן פאַרדעקט און פאַרצויגן מיט שוים. ס'ווערט מיר קלאָר, אַז דאָס זיינען פאַרסמטע פון די שרעקלעכע גיפט־גאַזן.

עס איז אַרופגעפאַלן די נאַכט: רוען קענען מיר נאָך אַלץ ניט. די נאַכט איז אַ פינסטערע, אַ קאַלטע. די ערד — אַ האַרטע. מיר גייען אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד: ניט ווייט געפינט זיך אַ זומפּ. דאָ האָבן זיך געפונען די אָקאָפּעס פון אונזערע

סאָלדאַטן, צו וועלכע מיר זײַנען געקומען אַלס פֿאַרשטאַרקונג. מיר געפֿינען זיך לעבן טשענסטאָכאָווער וואַלד. דער שונא גופֿא געפֿינט זיך אין טשענסטאָכאָוו: ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ריכטיקע שלאַכט. אַרום און אַרום ברענען די דערפֿער. קוים באַוויזן זיך אַרונטערצולאָזן אין דער אָקאָפּע, גייט צו דער פֿעלדפֿעבל און באַפֿוילט מיר מיט נאָך צוויי סאָלדאַטן גיין אַף אַן אויסשפּור (ראַזוועדקע).

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד. אַפֿן בויך צוגעפּויזשעט צו אַ דראָט־פֿאַרצוימונג. אָנגעטאָן גומענע הענטשקעס און אָנגעהויבן מיט אַ שער צו שנײַדן די דראָט. אונז באַמערקט דער שונא, ער עפֿנט אַ פֿײַער. מיר האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין וואַלד און האָבן זיך באַהאַלטן. אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, זײַנען מיר צוריק געקומען אַף אונזער אָרט. און אַלץ איבערגעגעבן דעם ראָטנעם: אַף אונזער ראַפּאָרט, האָט מען געעפֿנט אַף יענער זײַט אַ פֿײַער; אַרום מיטיק־צײַט געלינגט אונז צו פֿאַרנעמען אַ פֿײַנטלעכע אָקאָפּע. ס'איז שטילער געוואָרן און מען ברענגט אונז עסן. אַ טייל פֿון אונז האָבן באַוויזן צו נעמען עסן, אָבער דער גרעסטער טייל איז געבליבן ניט געגעסן, ווײַל אַ פּלוצלונגדיקער סנאַריאַד איז געפֿאַלן אַף די קיך און האָט געטויט אונזער קאָך.

ס'איז שוין שפּעט אינאָוונט און איך האָב נאָך קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט גענומען. לעבן מיר שטייט אַ סאָלדאַט מיטן נאָמען מאַטווייקע, אַ פּרעסער און אַ זויפֿער. ער האָט שטענדיק וואָס צו עסן. איך שטיי און קוק אים אָן, מיט אַ בליק פֿון קנאה. ער באַמערקט עס, גייט צו. רוקט מיר אַרײַן אַ שטיקל האַרטע סקאָרינקע אין האַנט און זאָגט: נאַ ברודער, עס. אַז מיר וועלן לעבן וועט זײַן אַנדערע, און אַז ניט, איז אויך רעכט". דערפֿײַ טרייסט ער מיר, אַז ס'וועלן נאָך קומען גוטע צײַטן.

מיט ליגן איצט אַלע אין די אָקאָפּעס. די שלאַכט האָט אויפֿגעהערט, נאָר דאָ און דאָרטן פֿאַלן סנאַריאַדן:

איך האָב זיך שוין אײַנגעוואוינט מיטן לעבן דאָ אין אָקאָפּע. מען מאַכט פֿאַרשידענע גלײַכווערטלעך, מען שפּילט אין קאָרטן

און מען רויכערט. מען באַהאַלט אָבער דעם רויך און דעם פייער, כדי דער שונא זאָל דאָס ניט באַמערקן. מיר זיינען איצט דאָ אין אַ גוטע שטימונג און קאָמאַנדעווען. מען נעמט אַ פולן הויפן לייז, מ'לייגט אַריין אין אַ שוועבל=קעסטעלע און צינדט דאָס אונטער. עס הויבט אָן צו קנאַקן און אַלע סאָלדאַטן לאַכן. דאָס איז בײַ אונז דער בעסטער אַמוזאַנט. פון דעם שונאס אָקאָפּע הערן מיר מוזיק און געזאַנג. אַזוי גייען אַריבער וואָכן. קיין גרויסע שלאַכטן קומען דערווייל ניט פאָר, נאָר איינצלנע שיסערייען.

עס איז אַ העלע שיינע נאַכט. די לבנה שיינט. דער וואַלד איז געדיכט. מיר ליגן אַפן רעכטן פליגל, צו די 9=טע ראָטע און 3=טן זוואָד. עס גייט צו אונז צו דער זוואָדנער און פרעגט: ווער וויל גיין טראָגן קוילן אין די אנדערע זוואָדן. קיינער רופט זיך אַף דעם ניט אָפּ. רוף איך אויס: „איך וויל גיין!" ניט צוליב העלדישקייט וויל איך דאָס, נאָר ווייל מיר איז שוין דאָ נמאס געוואָרן צו ליגן אין דער אָקאָפּע. עס איז זייער קאַלט. איך האָב זיך געוואָלט אַביסל דערוואַרעמען. איך האָב גענומען צוויי צינקענע קעסטלעך מיט קוילן, דעם פלינט און גיי. גייענדיק זע איך, ווי אַ הייזל ברענט. ניט ווייט פון הייזל זיצט אַ פרוי, האַלט אַ קינד באַם האַנט און וויינט. דער קינד רייסט זיך אַרויס פון איר האַנט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט קוקן אַף דעם בילד. און דאָ האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן פונדאָסניי די שיסערייען. פון אייניקע זייטן האָבן אויך אָנגעהויבן זיך פּאַנאַנדערצושיטן שראַפּנעלן. פלוצלונג הער איך אַ געשריי „גאָט העלף מיר". איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשטריינגט די בליקן און דערזען אַ האַרצרייסנדיקע בילד. די פרוי איז געלעגן אַף דער ערד אַ טויטע און דער קינד איז געבליבן שטיין לעבן איר. אַ שרעק און שווידער האָט דורכגענומען. וואָס ווייטער בין איך אָבער אויך צו אַזעלכע געשעענישן געוואָרן גלייכגילטיק, קאַלט און האַרט.

איך האָב געבראַכט די קוילן אין ערשטן זוואָד און נאָכדעם האָב איך זיך אומגעקערט צוריק אין מיין אייגענעם זוואָד.

# איך ווער פאַרוואונדעט.

אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט מיר דער וואָדנער ווידער אַמאָל געשיקט, דאָסמאָל צום צווייטן וואָד. מיט מיר איז אויך מיטגעגאַנגען אַ סאָלדאַט סטעפּאַן — מיר האָבן גענומען די האָלצערנע פּאַטראָנען=קעסטל יעדער פאַר אַ הענטל, די פלינטן אַף די רימענס און זיינען אַוועק. די לבנה איז אַריין אין די וואָלקנס. עס איז געוואָרן זייער טונקל, אַזוי, אַז מיר האָבן אייי=נער דעם צווייטן ניט געזען. אַנשטאָט צו גיין רעכטס, זיינען מיר גאָר אַוועק לינקס. מיטאַמאָל האָט דער שונא אונז דערזעהן און אָנגעהויבן צו באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן. און תיכף געעפנט אַ קרייץ=שיסע=ריי. שווערע געווער האָבן אָנגעהויבן צו דונערן, אַז די ערד האָט געציטערט אונטער אונזערע פיס. „וואָס זאָלן מיר איצטער טאָן?“ — פרעג איך סטעפּאַנען, „קום ווייטער“, זאָגט ער — „וואָס עס וועט זיין, וועט זיין“.

פלוצלונג אַ קלאַפּעריי, אַ גערויש און אַ טומל. איך באַ=וויז זיך ניט אַרומצוקוקן, איך בין געוואָרן צוטומלט און גלייך נאָכדעם דערפיל איך אַ שטאַרקן שטאָך אין לינקן פוס. איך האָב פאַרלאָרן מיין גלייכגעוויכט און בין הינטערווייַלעכטס מיטן קאָפּ אַראָפּ אַריינגעפאַלן אין אַן אָקאָפּע, וועלכע עס האָט זיך געראַרע דאָ געפונען. סטעפּאַן איז תיכף צו מיר צוגעלאָפן און האָט מיר געוואָלט אַרויסהייבן פון דער אָקאָפּע, אָבער אָן דערפאָלג. איך בין געווען אַזוי קראַנק און צובראָכן, אַז איך האָב פון זיך ניט געפילט. די לינקע פוס איז געווען אַזוי שטייף, אַז איך האָב איר גיט געקענט באַוועגן. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך האָב די פוס אינגאַנצן פאַרלאָרן. מיין ח' סטעפּאַן האָט דערווייל צוזאַמענ=גערופן איניקע סאָלדאַטן פון דער 12=טער ראָטע און איז מיר געקומען צו הילף. אַז איך בין אַביסל געקומען צו זיך און האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזען פאַר מיינע אויגן שוידערהאַפ=

טע, שרעקלעכע בילדער. עס ליגן און קרעכצענען פאַרוואונדעטע.
עס ליגן אויסגעצויגן געפאַלענע: בײַ וועמען די בויך איז צוריסן
און די געדערים הײַנגען אַרויס, בײַ וועמען דורכגעלעכערטע, צו=
שאָסענע מוחות, בײַ וועמען ס'פעלט אַ האַנט, אַ פוס א. א. וו.
איך בין שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ קויל, וואָס האָט מיר
געטראָפן אין לינקן פוס. דעם שרעקלעכן ווייטיק האָב איך שפּע=
טער דערפילט. די גאַנצע פוס איז געוואָרן פאַרלאָפן און פאַר=
צויגן מיט בלוט, וועלכע עס האָט געשטראָמט פון פאַרוואונדעטן
אָרט. איך האָב זיך געפילט זייער שוואַך. די סאָלדאַטן האָבן
גאָרנישט געקענט מאַכן. ווי אַ שטאַרק פאַרוואונדעטער מוז איך
דאָ פאַרבלײַבן וואַרטן, ביז די סאַניטאַרן וועלן קומען מיר צונע=
מען. מײַן חבר סטעפּאַן נעמט אַרויס פון מײַן קעשענע אַ טאַשנ=
טוך, לייגט צו אויך זײַן אייגענעם שוואַרצן נאָז=טיכל און פאַר=
בינדט דעם גרויסן וואונד אַפן פוס. נאָכדעם געזעגנט ער זיך מיט
מיר ברודעריש פרײַנטלעך און גייט אַוועק צוזאַמען מיט די אי=
בעריקע סאָלדאַטן. איך בין געבליבן ליגן אין אָקאָפּע. שלאָפן קען
איך ניט איבער די שטאַרקע ווייטיק. איך דרעמל אײַן: איך האָב
זיך אויפגעכאַפּט, בעת עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. עס איז שטיל.
ס'באַווײַזן זיך סאַניטאַרן. זיי קלײַבן צוזאַמען די פאַרוואונדעטע.
ענדלעך דערגרייכט מײַן ריי. צוויי סאַניטאַרן נעמען מיר אַף אַ
טראָגבעטל און טראָגן מיר צום 1=טן איבערבינדונגס=פונקט. אַ
שטאַרקער פראָסט. די פוס טוט זייער וויי. אַפן וועג זע איך, מען
פירט געפאַנגענע. די סאַניטאַרן ווילן מיר ניט טראָגן, איך בין זיי
צו שווער. זיי ווילן מיר אַוועקוואַרפן אַפן פרײַען פעלד. צו מײַן
גליק באַווײַזט זיך אַן אָפיצער אַף אַ פערד. איך דערלייג אים, אַז
זיי ווילן מיר אַוועקוואַרפן. ער באַפעלט מיר צו טראָגן ביזן
„פונקט”. ער נעמט אַרויס אַ פלעשל און גיט מיר אַביסל ווײַן.
דאָס דערקוויקט מײַן האַרץ. מיט גרויס מי האָבן די סאַניטאַרן
מיר געבראַכט צום רויטן קרייץ. דער רויטער קרייץ געפינט זיך
אין אַ קלײנינקע הײַזעלע, אָן אַ דאַך. אינעווייניק פול אָנגעפּאַקט
מיט פאַרוואונדעטע. אַלע ליגן דאָ אַף שטרוי. עס קומען צו דער
דאָקטאָר מיט אַ סאַניטאַר, רײַסן אַרונטער פון פוס דעם מיט

בלוט פאַרטריקנטן אייגענעם פאַרבאַנד, רייניקן גוט אויס מיט בענזין דעם וואונד, פאַרבאַנדאזשירן אים און גייען אַוועק. אַביסל שפּעטער האָט מען אונז געגעבן עסן: פאַרגליווערטע, קאַלטע, פאַרשטונקענע קרויט. איך בין געווען זייער הונגעריק. איך האָב געגעסן און עס האָט מיר געוואָרפן אין קעלט. מיר זיינען געלעגן, ביז עס זיינען אָנגעקומען פורן. מען האָט מיר אַריינגעהויבן אין אַ פורל און איך בין געבליבן ליגן. די פורל איז געווען זייער אַ קליינע. פאַר צוויי, העכסטנס פאַר דריי פּערזאָן. מיר זיינען אָבער געלעגן גאַנצע 6 פּערזאָן. אַזוי אַרום זיינען אינגאַנצן פון דאַנען אַרויסגעפאָרן 15 פורן, פול נעפּאַקט מיט פאַרוואונדעטע.

דער וועג איז זייער לאנג. עס פאַלט שוין אַרויף די נאַכט. דער פויער, וואָס פירט אונז, איז זייער מיד. דער פערדל — קוים וואָס ער רירט זיך. דער וועג איז זייער שלעכט. די רעדער גליטשן זיך אָפּן אייז. שפּעט באַנאַכט און מיר פאָרן נאָך אַלץ. פּלוצלונג רייסט אויף אַ שראַפּנעל. דער פויער שטעלט אָפּ דעם פערדל און צלמט זיך. איינער נאָכן אַנדערן פליען גראַנאַטן און שראַפּנעלן. זיי פאַלן ניט ווייט פון אונז. מיר זעען ווי זיי רייסן אויף אין דער לופטן שטיקער ערד. אַלע זיינען פאַרצווייפלט און ווייסן ניט וואָס צו טאָן: פון אַלע זייטן רייסן אויף שראַפּנעלן און גראַנאַטן. דער פויער פרעגט אונז, אין וועלכע ריכטונג זאָל ער פאָרן? מיר ווייסן ניט וואָס צו ענטפערן. דער פויער קערט אָפּ די פורל אַף אַן אַנדער וועג, אַ מער זיכערן.

מיט מאַטערניש און צרות קומען מיר אָן צו אַ דאָרף. אייניקע פויערים הויבן אונז אַרונטער פון פור און טראָגן אונז אַריין אין אַ קליינינקע שטיבעלע. דער באַלעבאָס פון שטיבעלע האָט אונז געגעבן הייסע טיי און אויסגעבעט אַף שטרוי. מיר האָבן דערוואַרעמט די פאַרגליווערטע גלידער. אַף מאָרגן האָבן מיר זיך ווידער געגרייט צו אונזער ווייטערדיקן וועג. מען האָט אונז ווידער אַריינגעלייגט אין פורן און מיר פאָרן ווייטער.

# אין שפּיטאָל.

פֿאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין קעלץ. מען פֿירט אונז צו צו אַ רעכט גרויסע הויז, וואָס האָט אויסגעוויזן גאַנצער פֿון די איבעריקע הייזער אין שטעטל. מען האָט אונז אַרייַנגעטראָגן אין אַ גרויסן זאַל און אַוועקגעלייגט אַף שטרוי. עס קומען אָן אַ סך באַרמהערציקע שוועסטערן אין לעדערנע טוזשורקעס. זיי טראָגן אונז צו עסן. אַדערן קאָרמענען זיי אַפּילו אָן. דער אָוונט־ברויט איז באַשטאַנען פֿון גרויפּן מיט פֿלייש און טיי. מיר האָבן זיך פֿאַרוואונדערטע סאָלדאַטן דאָ איצט באַם עסן זיך אַביסל באַקענט און זיך פֿאַנאַנדערגערעדט. לעבן מיר ליגט איינער און קרעכצעט. פֿרעג איך אים, וואו איז ער פֿאַרוואונדעט. ענטפֿערט ער מיר: „איך בין אַן אומגליקלעכער אַף אייביק". ער הויבט אויף דעם שינער און ווייזט מיר, אַז אים פֿעלט אַ פֿוס. ניט ווייט פֿון מיר איז איינער געשטאָרבן פֿון זיינע וואונדן. יעדער, וואָס האָט נאָר די מעגלעכקייט צו שרייבן, בעט בײַ די שוועסטערן פּאַפּיר און בלייפֿעדער און שרייבט בריוו. די אָבער, וועלכע זיינען פֿאַרוואונדעט אין די הענט, אָדער שטאַרק קראַנקע און שוואַכע שרייבן פֿאַר זיי די באַרמהערציקע שוועסטערן. איינע אַ שוועסטער, שרייבנדיק אַ בריוו פֿאַר אַ פֿאַרוואונדעטן, וויינט זיך פֿאַנאַנדער. פֿרעג איך איר: „שוועסטער, וואָס וויינט איר?" ענטפֿערט זי מיר: „סאָלדאַטיק, ווי זאָל איך ניט וויינען, אַז פֿאַראַיאָרן האָב איך חתונה געהאַט און מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז מיין מאַן געפֿאַלן אַפֿן דייטשן פֿראָנט!"

צען אַזייגער אין אָוונט גייען דורך 5 דאָקטוירים דעם זאַל און פֿרעגן זיך נאָך בײַ יעדערן, ווי מען פֿילט זיך.



TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

אַ לאַנגע טרויעריקע נאַכט. איך בין שמוציק פון פראָנט. די לייז און דער ווייטיק לאָזן ניט שלאָפן. אינדערפרי האָט מען אונז געגעבן פרישטיק ווייסע בולקע מיט טיי. נאָכדעם זיינען געקומען סאַניטאַר-אַווטאָמאָבילן אונז צוצופירן צום באַן. די לייכט פאַרוואונדעטע זיינען געגאַנגען צום באַן צופוס. מיך האָט מען אַף אַ טראָגבעטל אַרויסגעטראָגן צום אַויטאָמאָביל. עס שטייען אַרום אַ מאַסע מענטשן, וואָס באַדויערן אונז. עס קומט צו מיר צו אַן אַלטינקע און פרעגט: „האָט איר ניט געזען מיין זון?" „ניין, איך האָב אים ניט געזען", ענטפער איך. אין אַ ווײַלע אַרום באַווייזט זי זיך ווידער מיט אַ גלאָז מילך אין האַנט. „נאַט, טרינקט אַ גלאָז מילך, טאָמער איז מיין זון ערגעץ פאַרוואונדעט, וועט מען אים אויך געבן.

מען האָט אונז אָפגעפירט צום באַן. די סאַניטאַר-וואַגאָנעס זיינען אַלע געווען ווייסע מיט רויטע קרייצן. מען האָט אונז אַוועקגעלייגט צו 4 מאַן אין אַ קופע תיכף געגעבן עסן און מיר זיינען אָפגעפאָרן.

איך פרעג באַ אַ באַרמהערציקע שוועסטער, וואוהין פאָרן מיר. זי ענטפערט: „קיין מאָסקווע".

איך ליג אַף אַן אויבערשטע בעטל לעבן פענסטער און זע דעם גאַנצן געגנט אַרום. אַלץ אַרום איז צורואינירט און צובראָכן. מיר זיינען אַרויס פון פוילן. עס קומט אַריין אַ דאָקטאָר, וואָס באַזיכטיקט אונז. אַ ווײַלע שפעטער קומען אַריין צוויי שוועסטערן. זיי טוען אונז איבער ריינע וועש, פאַרבינדן אונזערע וואונדן מיט נייע באַנדאַזשן. מיר שטעלן זיך אָפ אַף אַ סטאַנציע. עס באַגעגענען אונז רייכע דאַמען. זיי טראָגן אַריין אין די קופעען צו טרינקען, אויך פאַפיראָסן. מיר פאַרברענגען מיט זיי אין געשפרעכן וועגן פאַרשידענעם ביז דער צוג גייט אָפ.

מיר פאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער. ביז מיר קומען אָן אין מאָסקווע. פון וואַגאָן האָט מען מיר אין אַ טראָגבעטל דורכגעטראָגן צו אַ דערבייאיקע הויז און אַוועקגעלייגט אין אַן עלעגאַנטן זאַל. עס זיינען צוגעקומען צוויי באַרמהערציקע שוועסטערן, הויך, געזונט און שיין, בלוט און מילך. זיי האָבן צוזאַמענגעלייגט

די הענט אין אַ קוואַדראַט און האָבן געבעטן איך זאָל זיך אַרופֿזעצן. איך האָב זיך געוואָלט אָפּזאָגן דערפֿון, האָבן זיי זיך אָפּגערופֿן: „סאָלדאַטיק! שעם זיך ניט, זעץ זיך נאָר אַוועק”. איך האָב זיך געזעצט און זיי אַרומגענומען בײַ די העלזער. זיי האָבן מיר צוגעטראָגן צו אַן עלעגאַנטן אַוטאָמאָביל. מען האָט מיך געבראַכט אין האָספּיטאַל אויף פּעטראָווסקע גאַס. דורך אַ לאַנגן שמאָלן קאָרידאָר האָט מען מיך צוגעטראָגן צום באָדע-צימער. אַרומגעוואַשן מיט ספּירט. אַ שוועסטער האָט מיר אָנגעטאָן רײנע וועש, געמאַכט אַ נײַעם פֿאַרבאַנד און אויף אַ וועגל מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער אַלגעמײנער פּאַלאַטע. דאָ זײַנען געלעגן צען מאַן, אַלע לײַכט פֿאַרוואונדעטע.

נאָך אָוונטברויט האָב איך ערשט דערפֿילט, אַז מײַנע גלידער הייבן זיך אָן אָפּצורוען. איך בין איצט געווען ווי נײַ געבאָרן. ריין, זאַט, וואַרעם, אויף אַ רײנע בעט, מיט זויבערע וועש.

זונטיק האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז אין פּאַלאַטע דאַמען און הערן, אָרעמע און רײַכע. די רײַכע דאַמען און הערן זײַנען עלעגאַנט געקליידט. אין די טײַערסטע שענסטע פּעלצער. זיי ברענגען מתנות פֿאַר די קראַנקע סאָלדאַטן. מיט מיר אַלט נײַ געקומענער האָבן זיי זיך פֿאַראינטערעסירט. געהערט און געפֿרעגט ווי האָלט עס מיטן שונא. איך מאַך זיך ניט הערנדיק מען פֿרעגט נאָכאַמאָל: „נו סאָלדאַט: האָט איר דעם שונא ווײַט פֿאַרטריבן! האָט איר אים אייך גוט צוקלאַפּט?” איך ענטפֿער גלײַכגילטיק און שאַרף: „עס צוקלאַפּט זיך ניט אַזוי לײַכט”. דער קראַנקער פֿון דערבײַאיקן בעטל שמײכלט. בעת זיי זײַנען אַרומ-געגאַנגען, רופֿט ער זיך אָפּ: „זיי איז גוט צו רײדן און צו פֿרעגן, זאָלן זיי גיין אויפֿן פֿראָנט, קעמפֿן און לײדן אַזוי ווי מיר, וועלן זיי וויסן וואָס דאָס הייסט צוקלאַפּן דעם שונא”. אַ צווייטער רופֿט זיך אָפּ: „וואָס דאַרפֿן זיי גיין, אַז זייער געלט קעמפֿט פֿאַר זיי”. עס הייבט זיך אויף אַן אַלטער סאָלדאַט מיט אַ לאַנגע באָרד און זאָגט: „מיר זײַנען אַלע דאָ לײַכט פֿאַרוואונדעטע סאָלדאַטן. מען וועט אונדז דאָך באַשטימט אינגיכן צוריקשיקן אויפֿן פֿראָנט. וואָס וועט אָבער זײַן מיט אונדזערע פֿרויען און קינדער?”

וואָס ווייטער ווער איך אַלץ מערער צוגעוואוינט צום שפּיטאל-לעבן. דעם דריטן זונטיק קומען אונז ווידער באַזוכן געסט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך זיך געפילט פיל לייכטער. מען האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאָר קוליעס און איך האָב אָנגעהויבן אביסל אַרומצוגיין. די קראַנקע, וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין קארידאָר, יעדער פון אונז האָט דערציילט די ניסים פון פראָנט, פון דערהיים. און אַזוי ווייטער.

אַזוי איז אַוועק 6 וואָכן. וואָס ווייטער בין אַלץ געזונטער געוואָרן. איך האָב שוין געקענט אָנטאָן אַ שטיוול. אַביסל שפּעטער האָט מען מיר אויסגעשריבן פון לאַזאַרעט און אַוועקגעשיקט אין דער שוואַכער קאָמאַנדע. דאָס איז געווען אַ גרויסע 6 שטאָקיקע הויז, אָנגעפּאַקט מיט קראַנקע און געזונט-געוואָרענע סאָלדאַטן. פון דאַנען האָט מען אייניקע אומהיילבאַרע קראַנקע געשיקט אַהיים. דעם גרעסטן טייל פון די סאָלדאַטן האָט מען אָפּגעשיקט צוריק אַפן פראָנט. אונטן איז געווען אַ שפּייז-רוים. צו אונז פלעגן אָפט קומען אָרעמע מענטשן און בעטן עסן. איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט אַ פרוי, אַ וועשערקע, וואָס איר מאַן איז געפאַלן אין קריג. יעדן טאָג פלעג איך איר אָנגיסן אַ קעסעלע עסן פאַר איר מיט אירע קינדער. דערפאַר פלעגט זי פאַר מיר וואַשן וועש. קיין געלט האָב איך נישט געהאַט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך באַקומען פון דערהיים אַ בריוו מיט 2 רובל.

# צו גאַסט אין דערהיים.

איין טאָג גיי איך צו צום פעלדפעבל און זאָג אים, אַז איך וויל פאָרן אַהיים אין אורלויב. ענטפערט ער מיר שטרייננג: „ניין! מיר קענען ניט לאָזן“. נאָך דער פאָיעשרקע טו איך אָן דעם שינעל אף די פלייצעס, און גיי אַרויס. האַלט מיר אָפּ דער דנעוואַלנער באַם טיר און פרעגט מיר וואו איך גיי? „עפּעס קויפן“, — ענטפער איך אים: — „איך קום גלייך“. איך זעץ מיר אַרויף אף אַ טראַמוואַי, פאָר צו צום וואָקזאַל. דאָ וואַרט איך אָפּ ביז 12 אַזייגער ביינאַכט. נאָכדעם גיי איך צו צו אַ ציווילפערזאָן, גיב אים 75 קאָפּיקעס און בעט אים קויפן פאַר מיר אַ בילעט. איך גיי מיר דורך דעם פלאַטפאָרם. דער קאָנדוקטאר שטעמפלט אָפּ דעם בילעט און איך גיי אַריין אין וואַגאָן. באַנאַכט מען וועקט מיך איך הויב אוף מיין קאָפּ און דערזע לעבן זיך דעם קאָנדוקטאָר. „וואָס ווילט איר“? פרעג איך אים. „דעם בילעט גיט אַהער“. „לאָזט מיר שלאָפן, — זאָג איך ווידער צו אים. — איך בין אַ קראַנקער־אויסגעמוטשעטער סאָלדאַט!“ „נו, שלאָף געזונט, זעמליאַק!“ זאָגט ער און גייט אַוועק. אינדערפרי האָב איך דערזען לעבן זיך אַ באַקאַנטע פרוי. מיר האָבן זיך ביידע באַגריסט. זי האָט מיר גענומען אויספרעגן, וואָס איך מאַך, ווי מיר גייט א. א. וו. זי האָט מיר געגעבן עסן און קליינגעלט. די צווייטע נאַכט האָב איך שוין ניט געקענט שלאָפן, ווייל איך האָב זיך דערנענטערט צו מיין היים. יעדע מינוט איז געווען אַ שעה. איינס אַזייגער באַנאַכט בין איך אָנגעקומען אף דער סטאַנציע זילאַן. דאָ האָב איך זיך איבערגעזעצט אף אַן אַנדער באַן און ענדלעך בין איך אָנגעקומען אף דער סטאַנציע קרייצבורג. ס'איז געווען שפעט האַלב דריי אַזייגער אינדערנאַכט. די לבנה האָט געשיינט. עס איז א פיינער, שטילער פרעסטל. איך האָב מיר אַריינגעזעצט אין אַ שליטן, אַריבערגעפאָרן די דווינע, וואָס גייט פון קרייצבורג ביז יאַקאָבשטאַט

און איך גערפין זיך שוין אין מיין היימאַט, נאָך אַזוי פיל פאַר־גאַנגענע יאָרן פון וואַגלענישן און מאַטערנישן. פאַרנדיק מיטן שליטן בין איך אָנגעקומען אין אַ קליינע, שמאָלע, מיר גוט באַקאַנטע געסעלע. די געסעלע איז אַ פינסטערע, נאָר די לבנה באַשיינט איר. מיר איז דאָ אַלץ איצט אויסגעקומען זייער מאָדנע און פרעמד. איך בין אַרונטערגעגאַנגען פון שליטן און צוגעגאַנגען צו די לאָדנס און זיך צוגעהאָרכט: עס איז שטיל. אַלץ שלאָפט דאָ. איך האָב אָנגעקלאַפט אין טיר. אונזער הינטל האָט אָנגעהויבן צו בילן. איך הער ווי מען זאָגט: מען איז באַם טיר. „ווער איז דאָרטן?! ווער איז דאָרטן?!" „איך, אייער ברודער בין דאָס!" מיט ציטערדיקע הענט האָט מיין שוועסטער געעפנט די טיר. די שוועסטערן זיינען אַרופגעפאַלן אַף מיר: מיר אַרומגענומען, געקושט און געוויינט פאַר פרייד. איך אַליין וויין אויך. מיינע אַ שוועסטער טוט אויפגערעגט אַ פרעג: „נחום, וואָס מאַכט דיין פוס? פאַרוואָס גייסטו מיט אַ שטעקן? די פוס איז נאָך אַלץ קראַנק?" „ניין, האָב איך איר באַרויקט. — די פוס איז שוין כמעט אינגאַנצן געזונט. דאָס האָט מיר דער מיליטער־דאָקטאר פאַראָרדנט צוגיין מיט אַ שטעקן, ווייל די פוס קען דורכדעם לייכטער אויסשטיין". איך זע, אַז מיין ברודער מיט מיינע ביידע שוואָגערס זיינען ניטאָ. איך פרעג וואו זיי זיינען און באַקום אַן ענטפער קורץ און שאַרף: „אַף מלחמה!"

די נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן און האָב מיט אומגעדעולד געוואַרט אַפן טאָג.

אינדערפרי בין איך אַוועקגעגאַנגען צו מיין עלסטן ברודער. איך האָב אים געפונען קראַנק און שוואַך. ער האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. אויך די קינדערלעך זיינען אַף מיר אַרופגעפאַלן מיט פרייד. אין גאַס האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַלע באַקאַנטע אין שטעטל. אַלע האָבן זיך מיט מיר פריינדלעך באַגריסט, געפרעגט וואָס איך מאַך, אויב איך בין אינגאַנצן פריי, וואָס עס הערט זיך אַפן פראָנט און נאָך אַנדערע פראַגן. אַלע האָבן באַדויערט, וואָס איך מוז צוריק גיין אַפן פראָנט. שוין דריי טעג געפין איך זיך דאָ אין שטאָט. לייגנער קען איך ניט

פארבלײבן. עס איז געװען זײער אומזיכער. װען מען זאָל מיך דאָ ארעסטירן, װאָלט דאָס פאַר מיר פיל ערגער געװען, װי אלײן קומען אין דער קאָמאַנדע. איך האָב באַשלאָסן פון דאַנען אַפּצופאָרן. מיט טרערן אין די אױגן און מיט אַ שװערן האַרצן האָב איך מודיע געװען מײנע שװעסטערן און ברודער, אַז די צײט פון מײן זײן דאָ איז אַ באַשרײנקטע. אַרױסגײענדיק פון שטוב אָפּצופאָרן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט באַם שװעל און האָב ניט געקענט װײטער גײן. װי די האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך װעל שױן מײן הײם מער ניט זען. מיט געװאַלט האָב איך מיך אָפּגעריסן פון מײן שטוב און זיך אַרײנגעזעצט אין שליטן. מײנע שװעסטערן און ברודער האָבן מיר באַגלײט צום באַן. איך בין אַרײן אין װאַגאָן און האָב זיך געלײגט אױפן באַנק שלאָפן, כדי אַלץ צו פאַרגעסן. אָבער אין מײנע אױערן האָט נאָכגע־קלונגען די געװײנען פון מײנע שװעסטערן און ברודער.

ס'איז געװען אַ פינסטערע נאַכט. װאָס האָט זיך שװער געלײגט אױפן געמיט אין האַרצן. איך בין אָנגעקומען צוריק אין מאָסקװע, בין אַװעק אין מײן קאָמאַנדע און האָב זיך תיכּף גע־מאָלדן צו מײן װזװאָדנעם.

— „װאו ביזט דו עס געװען״!

— „אין מײן הײם, זיך זען מיט מײנע שװעסטערן און ברידער״

— „װער האָט עס דיר דערלױבט?״

— קײנער ניט, אַז מען דערלױבט ניט, פאָרט מען אַלײן״.

— „דערפאַר װעסטו גײן צוריק אױפן פראָנט״.

— דאָס שרעקט מיר ניט: איך בין שױן דאָרטן געװען״.

— „גײ!״

אין אָװנט אױף „פּאָװערקע״ לײענט מען מיר פאָר אַ פּאַ־פּיר, אַז איך מוז מאָרגן פרי גײן צו אַ קאָמיסיע. אין דער זעלביקער צײט זײנען אַרײנגעקומען צװײ העכערע אָפיצערן און האָבן אָנגעהױבן פאַנאַנדערצוטײלן אָפּצײכענונגען. זײ זײנען אױך צוגעגאַנגען צו מיר און האָבן מיר אָנגעשטאָכן אַ קרײץ פון פּירטן ראַנג. זײ לײענען מיר פאָר, אַז דאָס איז פאַר די

געלונגענע „ראַזווערקע", וואָס מיר האָבן דעם שונא אָפּגעטריבן. קיין גרויסן איינדרוק האָט עס אַף מיר ניט געמאַכט.

אַף מאָרגן בין איך אַוועק צו דער קאָמיסיע. עס זײַנען געזעסן פיר דאָקטוירים. איך דערקלער איינעם פון זיי, אַז מײַן פוס איז געשוואָלן און טוט וויי און אַז איך קען נאָך ניט גוט גיין. ער באַטראַכט מײַן פוס און זאָגט: — „די פוס איז ווײַס, מיר קענען אייערע ברידער! אַהיים פאָרן אָן אַ דערלויבעניש האָסטו געקענט! קענסטו גיין אַפן פראָנט". אַ פאַרצווייפלטער בין איך אַרויס פון דער קאָמיסיע. צוריק אַפן פראָנט, אין די אָקאָפּעס, ווידער לײַדן, ווידער בלוט פאַרגיסן. עס קומט מיר אַנטקעגן אַ סאָלדאַט אָן אַ פוס און פרעגט וואָס עס הערט זיך.

— „איך מוז צוריק גיין אַפן פראָנט".

— „נו יאָ, — זאָגט ער, — נעכטן האָסטו באַקומען אַ זילבערנעם קרײַץ און אַפן פראָנט וועסטו קריגן אַ האָלצערנעם קרײַץ..."

איך בין אַוועק צו מײַן בעסטן פרײַנט, די וועשערקע. דאָרטן האָב איך זיך אויסגערוט און באַרואיקט. אין דער קאָמאַנדע אַף „פּאָווערקע" לייענט מען פאָר אַ באַפעל, אַז מאָרגן זעקס אַזייגער אינדערפרי מוז אַ גרופּע פון 50 מאַן זיך מעלדן אין 194-טן רעזערוו-באַטאַליאָן. צווישן זיי בין איך אויך געווען. פונקט 6 אַזייגער איז געקומען אַ קאָנוואָי און האָט אַוועקגעפירט אונזער גרופּע אין 194-טן רעזערוו-באַטאַליאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע פּאָלקן.

די קאַזאַרמע איז גרויס, קאַלט, ניט געהייצט. יונגע „נאָוואָבראַנצעס", אַלטע סאָלדאַטן, ייער עס וואַלגערט זיך אַף דער ערד, ווער אַף די נאַרעס. איך ליג אין א ווינקעלע, און קײַ א שטיקל שוואַרצע גראָבע ברויט. אין אָוונט ברענט אין דער גאַנצער קאַזאַרמע אַ קליינער עלעקטרישער לעמפּל. נאָך אָוונטברויט קומט צו מיר צו אַן אונטעראָפיצער, אַ יונגער מיט נאָך אויבן פאַרדרייטע וואָנטשעלעך (ווייסט אויס ניט לאַנג אַרויס פון דער לערן-קאָמאַנדע) און זאָגט: — „גיי אַף סלאָוועסנאָסט". איך ענטפער אים: — „איך בין אַן אַלטער סאָלדאַט. איך דאַרף דאָס ניט און פאַרן פראָנט איז עס געוויס ניט נויטיק".

— „צו וועמען רעדסטו עס אזוי?! איך בין דאָך די נאַטשאלסטווע!"

— „איך זע עס, אָבער איר זייט נאָך אַ יונגער סאָלדאַט".

ער דערלאַנגט אַ טראַמפּעל מיטן פוס און אַגעשריי: —„שווייג!"

איך ענטפער אים, אַז איך בין געווען אפן פראָנט און האָב מיר דערדינט אַ קרייץ. איך עפן דעם שינעל און באַווייז אים. ער איז גלייך אוועק פון מיר. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אונז צוזאַמענגערופן און געמעלדעט, אַז מאָרגן בײַטאָג גייט אפּ אונזער באַטאַליאָן אַפן פראָנט.

צו מיר קומען אַ פּאָר סאָלדאַטן און פרעגן: — „וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, דו „העלד" איינער, קום אין שטאָט אַ לעב טאָן. מיר ווילן באַוויזן צו גיין אַפן פראָנט אַ טאָג שפּעטער. דו האָסט קיין געלט ניט? האָבן מיר גענוג. אפשר האָסטו מורא צו גיין אָן אַ דערלויבעניש? לאָז איבער די מורא פאַר די יונגע סאָלדאַטן!"

איך האָב לאַנג זיך ניט געלאָזן בעטן. מיר זײַנען אַריבער דעם פּאַרקן און אוועק אין שטאָט.

מיר האָבן געהולעט אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג. אין אָוונט זײַנען מיר צוריקגעקומען אין קאַזאַרמע און זיך דערוואוסט, אַז דער 194-סטער זאַפּאַסנאָי באַטאַליאָן איז שוין אָפּגעפאָרן.

דער וווואָדנער קאָמאַנדיר האָט אונז געפרעגט:

— „וואו זייט איר דאָס געווען?"

— „אין שטאָט", — האָט ער באַקומען אַן ענטפער.

מען האָט אונז תיכף געשטעלט אונטער אַ שטרײַנגע וואַך, אונז אַרויסגעגעבן אמוניציע און פּאַיאָק אַף אַ פּאָר טעג. און נאָך דעם זעלבן אָוונט אונז אָפּגעשיקט מיט אַ קאָמאַנדע פון הונדערט מאַן און צוויי אָפיצערן. אַ קאָנוואי האָט אונז געפירט איבערן גאַס. ווי מיר וואָלטן געווען אַרעסטאַנטן. יעדערער האָט אַף אונז געקוקט ווי אַף די גרעסטע פאַרברעכער און ניט ווי מיר וואָלטן גיין פאַרטײדיקן די פאָטערלאַנד. מען האָט אונז אַרײַנגעזעצט אין טעפּלושקעס. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פייף געטאָן און די רעדער האָבן אַ קרעכץ געטאָן.

# ווידער אפֿן פראנט.

אַזוי זײַנען מיר אָפּגעפאָרן פֿין מאָסקווע. די ערשטע שטאָט וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט איז געווען מינסק. די אָפיצערן האָבן אונז געבראַכט צום קאָמענדאַנט. מען האָט אונז געגעבן פּאַיאָק אַף 3 טאָג און געשיקט קיין קורסק. אין קורסק זײַנען מיר פאַרבליבן אַ פּאָר טעג. דער קורסקער קאָמענדאַנט האָט אונז אַרויסגעגעבן עסן אף איין טאָג. און מיר זײַנען אַוועק קיין כאַרקאָוו. אין כאַרקאָוו זײַנען מיר געבליבן עטלעכע טעג. אַזוי שיקט מען אונז פֿון שטאָט צו שטאָט. פֿון קאָמענדאַנט צו קאָמענדאַנט, אַלץ נענטער צום טויט. ס'ווילט זיך א ביסל אַ לעבּ טאָן, קיין געלט איז ניטאָ. איך וועל פאַרקויפן מײַנע שטיוול און וועש, נישקשה, דער קאָמענדאַנט וועט געבן אנדערע. געטראַכט און געטאָן: פאַרן געלט בין איך אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן, האָב גוט אָפּגעגעסן, און נאָך אײַנגעקויפט זיך אַפן וועג. נאָכדעם — אַוועק צום קאָמענדאַנט און טאַקע באַקומען שטיוול מיט וועש.

אין אָוונט זײַנען מיר געפאָרן ווײַטער אין אונזער טעפּלושקע. ס'איז פריילעך, גאָרניט ווי מיר וואָלטן פאָרן אַפן פראָנט, אײנער א סאָלדאַט איוואַן, אַ לוסטיקער ברודער רופט זיך אָפּ: „איר ווייסט, ברידער, באַלד קומען מיר אָן אַף אַ סטאַנציע און דאָרטן דאַרפן נאָר ניט זײַן קיין נאַראָנים".

מיר זײַנען אָנגעקומען אַף דער פראכט־סטאַנציע פֿון זשמע־רינקא. איוואַן איז אַרויס פֿון טעפּלושקע מיט נאָך אײניקע. זיי האָבן זיך ניט לאַנג אופגעהאַלטן און געקומען צוריק מיט גאַנצע

רעדער האָלענדער קעז. איוואַן האָט מיר דערלאַנגט אַ גאַנצן קעז. איך בין זייער נייגעריק צו וויסן וואו ער האָט עס גענומען. — „איך האָב דיר געגעבן, עס און פרעג ניט. אין די פראַכט־וואַגאָנעס איז ווייניק פאַראַן"?

מיר זיינען געפאָרן ווייטער ביז וואָלאָטשינסק. דאָרטן האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט ווער עס איז פון 3־טן קאַווקאַזער אַרמיי־קאָרפוס. עס האָבן זיך אָפּגערופן 40 מאַן אויך איך אין דעם צאָל. מען האָט אונז אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע. אין וואָלאָטשינסק בין איך געבליבן אַ וואָך צייט. אין די וואָך האָב איך געהאַט צייט צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. די אויסגעלאַסנקייט פון די אָפיצערן האָט איבערשטיגן אַלע גרעניצן. זיי זיינען פול אין אַלע שענדלעכע הייזער און אין אַלע שיינקען. צווישן דער באַפעלקערונג הערשט אַ שרעקלעכע פּראָסטיטוציע, פאַרשידענע קראַנקהייטן. אַלץ פון דער מלחמה.

אונז די 40 מאַן האָט מען געשיקט ווייטער קיין טאַרנאָפּאָל. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן דעם 3־טן קאַווקאַזער קאָרפוס. מען האָט אונז צוטיילט אין די פּאָלקן. איך בין צוריק געקומען אין מיין ראָטע, אין מיין ווזוואָד. מיין ווייטיק איז גרויס; איך האָב ניט געפונען קיין איינעם, מיט וועמען איך בין געלעגן אין די אָקאָפּעס, אַלץ יונגע סאָלדאַטן. אַף מאָרגן איז צוריקגעקומען אין ווזוואָד מיין בעסטער חבר ציקאָוו. ער איז אויך געקומען פון אַ לאַזאַרעט. מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און צוגעקושט. אונזער פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך. מיר זיינען געווען די איינציקע אַלטע סאָלדאַטן אין גאַנצן ווזוואָד. מען האָט מיר געגעבן אַ פלינט מיט קוילן. יעדן מאָרגן האָט מען אונז געטריבן אַף איבונג.

אין איין שיינעם טאָג ליענט מען אונז פאָר אַ דעקרעט: דער קיסר וועט קומען מאַכן א „סמאָטר". עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע מאַטערנישן פאַר אונז. טאָג־טעגלעך האָט מען אונז געלערנט ווי אַזוי צו באַגריסן דעם קיסר: אַזוי זיינען אַוועקטלעכע וואָכן.

אין טאָג, אַז מיר זיינען געקומען מיד פון דער איבונג,

חאָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו ברײנגען אין אָרדנונג אונזערע
קלײדער, אָפּפוצן די שטיוול און אויסרײניקן די פלינטן. די גאַנצע
נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אַף דעם, אום 5 אַזײגער פאַרטאָג
האָט מען אונז אַרופגעפירט אַף אַ גרויסן פּלאַץ. דאָ האָט מען
אויסגעשטעלט דעם 3-טן קאַווקאַזער אַרמײ-קאָרפּוס: פוסגײער
; רטילעריע, קאַוואַ׳עריע, דער אָבאָז, דאָקטוירים און שוועסטערן,
אינגאַנצן 65 טויזנט מאַן. דער אויסשטעלן האָט געדויערט עט=
לעכע שעה. אַזוי זײנען מיר געשטאַנען אין דער פולער אמוניציע
ווי די סטאַטועס פון 6 פאַרטאָג. עס האָט גערעגנט געגאָסן,
מיר זײנען געווען דורכגעווײקט און דערצו ניט געגעסן.
פונקט 12 אַזײגער האָבן זיך באַוויזן פון ווײטן אווטאָמאָ=
בילן. דער קאָרפּוסנער קאָמאַנדיר, (עס איז נאָך דער ויללעבער
אַלטינקער אַפּן ווײסן פערד פון ארדאַבעל) האָט אַ קאָמאַנדע גע=
טאָן: „קאָרפּוס! סמירנאָ!
מיר זײנען געבליבן שטײן ווי די פאַרגליווערטע. די אָר=
קעסטערן האָבן אָנגעהויבן שפּילן דעם הימן. מיר האָבן גענומען
די פלינטן אַף קאַראַאול. ווען די אויטאָס זײנען אָנגעקומען, איז
אַרויס פון אים אַ נידעריקער מענטש מיט אַ געלן בערדל אין
גרינע קלײדער. דאָס איז דער קיסר. נאָך אים איז אַרויס אַ
הויכער, דאַרער, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און הינטער זײ אַ גאַנ=
צע סוויטע. דער קאָרפּוס-קאָמאַנדיר איז צו צו ניקאָלאַי ני=
קאָלאַיעוויטש מיט אַ בלויזן שווערד און האָט אים אָפּגעגעבן אַ ראַ=
פּאָרט. ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט עס איבערגעגעבן דעם
קיסר. נאָכן ראַפּאָרט האָט אונז דער קיסר באַגריסט. מיר האָבן
אים געענטפערט. ער איז פאַרבײ מיט זײן סוויטע ווי אַ ווינט.
נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיר האָבן באַקומען אַ
קאָמאַנדע פאַרבײ צו גײן אין פאַראַדנעם מאַרש. די מוזיק האָט
געשפּילט און מיר זײנען געגאַנגען. דער קיסר האָט אויסגערופן:
„זײט געזונט, ברידער!” מיר האָבן אים אַלע געענטפערט מיט אַ
הורראַ און אַוועק צוריק אַף אונזערע ערטער, מיד, הונגעריקע
און דורכגעווײקטע.
אַף מאָרגן האָט מען אונז אָפּגעשיקט קײן לוואָוו. איך בין

אַרוּף אַפֿן וואָקזאַל און פֿאַר מײַנע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שרעקלעכער בילד: פֿרויען מיט קינדער, אַלטע און יונגע מענער — אַלע ליגן אויסגעלייגט אַף דער פּלאַטפֿאָרם מיט פּעקלעך. רײַטנדיקע קאָזאַקן מיט נאַגאַיקעס אין די הענט אַרום זיי. אַלע ליגן צוזאַמענגעדריקט אין שרעק און אימה. איך גיי צו צו אַן אַלטן אידן און גיב אים אַ פֿרעג: „וואָס ליגט איר דאָ אַפֿן וואָקזאַל?" ענטפֿערט ער מיר: „ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע אידן זאָלן אין משך פֿון 24 שעה פֿאַרלאָזן זייערע היימען, ווײַל עס געפֿינען זיך נאָענט בײַם פֿראָנט. מיר ליגן דאָ און וואַרטן אַף אַן עשאַלאָן שוין 4 טעג צײַט". ער האָט מער ניט געקענט רײדן און זיך שטאַרק צעוויינט. איך בין צוריק געלאָפֿן אין וואַגאָן, האָב דערציילט אַלע חברים וועגן די הײמלאָזע אידן. יעדער פֿון אונז האָט אָפּגעשפּאָרט אַ העלפֿט פֿון זײַן פֿאָרציע ברויט. איך האָב דאָס אַלץ צוזאַמענגעקליבן און איבערגעגעבן אָן די הײמלאָזע-לײדנדיקע אידן. איך זע ווי זיי נעמען די ברויט און צוטיילן דאָס צווישן די קלײנע, הונגעריקע קינדער.

איך בין אַרײַן צוריק אין וואַגאָן און זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פֿון וויינען. די חברים האָבן מיר אָנגעהויבן צו טרייסטן. עס איז צוגעקומען ציקאָוו (ער איז געוואָרן ווזוואָדנער קאָמאַנדיר) און האָט מיר אויך גענומען טרייסטן. „וויין ניט, זיי מוטיק, דו האָסט דאָך געזען ערגערע בילדער, און פֿאַרגעס נימי, אַז דאָס זײַנען דאָך אונזערע פֿײַנט. וואָס וועסטו אָבער זאָגן אַף דעם, אַז מען טרײַבט אונזערע אייגענע מענטשן אויך פֿון די הײמען אַרויס, און מען מאַכט שוין אין קורלאַנד אַן אָקאָפּע?"

עס האָט מיר אַ שווידער געטאָן. מײַנע אָרעמע שוועסטערן און ברודער! וואָס וועט ווערן פֿון זיי? וואו וועלן זיי אַהינקומען? וואָס וועט ווערן פֿון מײַן היים? איך גיי דאָ פֿאַרגיסן מײַן בלוט און דאָרטן פּײַניקט מען געוויס מײַן פֿאַמיליע!

דער באַן גייט און איך זע דורכן טיר פֿון טעפּלושקע גאַנצע קאַראַוואַנען מענטשן: פֿרויען, קינדער, יונגע און אַלטע מענער, וועד עס גייען צופֿוס, און ווער עס שלעפּט זיך אַף אַ

פּורל. קאָזאַקן טרײַבן און שלאָגן מיט די גאַנגײקעס אַלטע אידן
מיט גראָ=װײַסע בערד, געבונדן די הענט. אַזױ זײַנען מיר אָנגע=
קומען אין פּשעמישל. דאָ האָב איך געזען דעם עלנד נאָך
בולטער און דײַטלעכער. די קאָזאַקן האָבן געשענדעט פרױען,
צעראַבעװעט הײַזער, אונטערגעצונדן שולן און קלױסטערס, די
װעלכע עס האָבן געזוכט צו אַנטלױפן פון די קאָזאַקן, האָבן גע=
פונען דעם שרעקלעכן טױט אין פײַער. איך האָב אָרגאַניזירט
סאָלדאַטן, חברים פון אונזער ראָטע און מיר האָבן זיך אױסגע=
שטעלט באַ יעדער הױז כדי אַף װיפיל עס איז נאָר מעגלעך
געװען צו באַשיצן די באַפעלקערונג. אַז די קאָזאַקן זײַנען צו
אונז צוגעקומען, האָבן מיר זײ געזאָגט, אַז דאָ שטײען אײן סאָל=
דאַטן און זײ זײַנען אַװעקגעגאַנגען.

# אונזער לעצטער אָנגריף.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר באַקומען אַ באַפֿעל צו גיין ווייטער. מיר גייען איבער דערפֿער און בערג. אויפֿן וועג ליגן הרוגים איבער די קעפּ פֿליען אַ סך אעראָפּלאַנען און וואַרפֿן באָמבעס. מיר גייען באַנאַכט און באַטאָג אָן אָפּרו. מיר האָבן שוין מער קיין כּח ניט. מיר זיינען צובראָכן, פֿאַרמאַטערט, מיר, אַלעסדינג, וואָס מיר טראָגן אויף זיך, איז צוגעקלעפּט צום לייב. די נאַכט איז פֿינסטער, די שראַפּנעלן רייסן זיך. מיר גייען אַריבער דעם טייך דנעסטער און קומען אָן אין שטעטל סאַמבאָר. דאָ האָבן מיר זיך באַהאַלטן אונטער די פֿאַרברענטע חורבות. עס האָט זיך אַנטוויקלט אין שטעטל גופֿא אַ שרעקלעכער העפֿטיקער שלאַכט. פֿאַרוואונדעטע און דערהרגעטע ליגן אויף די גאַסן אויסגעלייגט אָן אַ צאָל, דערונטער אויך פֿילע פֿרויען און קינדער. פּלוצלונג קומט אַ באַפֿעל אָפּצוטרעטן. מיר לויפֿן אַלע צוריק, נענטער צום בריק. פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן צו ברענען אַ האַלבער בריק, דער גרעסטער טייל פֿון אונז האָבן באַוויזן דעם בריק אַריבערצושפּרייזן און דער איבעריקער טייל זיינען געבליבן אין שטעטל אין געפֿאַנגענשאַפֿט. מיר זיינען געלאָפֿן אויף לינקס, הונגעריקע און פֿאַרשמאַכטע אָן נאַכטשאַלסטווע. 4 טעג האָבן מיר ניט געגעסן: די קיך און דער גאַנצער מעדיצינישער פּערסאָנאַל זיינען געבליבן אין סאַמבאָר אין געפֿאַנגענשאַפֿט. איך פֿיל זיך זייער שוואַך נאָר עס העלפֿט ניט, מען מוז לויפֿן, דערווייל טרעפֿן מיר אין וועג אָן איינגעפֿאַלענעם מויערל, רופֿ איך זיך אָפּ צו אַ סאָלדאַט „קום מיט מיר אַריין אין הייזל, אפֿשר וועלן מיר געפֿינען מיט וואָס אונזערע הערצער צו דערקוויקן". מיר זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען אין קעלער פֿון הויז און האָבן געפֿונען גאַנצע קאַסטנס מיט אייער. מיר זיינען ביידע דערפֿרייט געוואָרן. מיר האָבן אָנגעפּאַקט אונזערע היטלען מיט אייער און זיינען אויף גיך אַוועק. אין וועג האָבן מיר זיי צו צוקלאַפּט און דערמיט דעם הונגער

געשטילט. מיר לויפן אַלץ פאָרווערטס. פלוצלונג דערפיל איך אַ שטאַרקע ניט גוטקייט און תיכּף באַקום איך אַ דורכפאַל מיט בלוט. אָפּשטעלן זיך האָב איך מורא, ווייל הינטן לויפן די קאָזאַקן און טרייבן אונז מיר זאָלן ניט בלייבן אין געפאַנגענשאַפט. אַזוי זיינען מיר אַריין צווישן די קארפאטן. דער ווזוואָדנער פירט אונז, און ווייס אַליין ניט וואוהין ער פירט. מיר זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט אָן אָפּרו. פאַרטאָג זיינען מיר אַרויף אַף אַ הויכן באַרג. דער ווזוואָדנער האָט געהייסן גראָבן אקאפעס. מיר האָבן גענומען מיט די העקלעך האַקן די ערד. פלוצלונג דערהערן מיר אַ שיסעריי. דאָס האָט דער שונא אונז באַשאָסן פון דריי זייטן, און דאָ האָבן מיר דערזען דעם שונאס לאַגער. ער האט אונז אַרומגערינגלט. דער קעגנער האָט אַף אונז כּסדר געשאסן, מיר זיינען אָבער געווען אזוי שוואך אז מיר האָבן אפילו מיט אין איינציקן שאָס ניט געענטפערט. דער ווזוויאָדנער אונזערער איז געווען זייער דערשלאָגן. מיר האָבן אנגעהויבן צוריק צולויפן אין דער גרעסטער פאַניקע. אַלע לויפן און מען ווייס ניט וואוהין. עס איז צוגעלאָפן צו מיר אַ פאַרוואונדעטער סאָלדאַט און בעט מיר, איך זאָל אים ראַטעווען. איך דערזע, אַז די האַנט הייגגט אים אַרונטער אַף די פלייש. איך האָב אַרונטערגענומען פון זיך דעם רימען און דערמיט אים די האַנט צוגעבונדן. ער איז אַזוי ווייטער געלאָפן. איך בין קוים אַריינגעקראָכן אין אַ גראָבן און בין געבליבן ליגן אַ קראַנקער. די שיסעריי האָט ביסלעכווייז אופגעהערט. ביסלעכווייז האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן לעבן מיר ביז 12 מאַן. מיר ליגן אַלע צוזאַמען און רוען זיך. קיין שיסעריי הערט זיך מער ניט. מיר גרייטן זיך שוין צוגיין ווייטער. דאָ באַמערקן מיר אַן אַלטינקע גייט אַרויס פון אַ הייזל. איך לויף צו איר צו און בעט איר אַ טרונק. די אַלטינקע טראָגט אונז צו אַ גרויסע קרוג מיט וואַסער און זאָגט: „אָרימע סאָלדאַטלעך. ווי קומט דאָס, אַז איר אַ קליינע גרופּקע זייט דאָ געבליבן, אינדערצייט ווען די רוסן זיינען פון דעם געגנט אַנטלאָפן?”.

# אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

די אַלטע פֿרוי בעט אונז אַריין צו זיך. זי האָט אונז אַריינגעפֿירט אין אַ קלייניקע כאַלופּקעלע. מיר האָבן זיך אַלע 12 צוזאַמענגעפּרעסט. די אַלטינקע האָט פֿאַר אונז אָפּגעקאָכט קאַרטאָפֿל און אָנגעוואַרעמט טיי. מיר האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך געלייגט שלאָפֿן אַף שטרוי, וואָס זי האָט פֿאַר אונז אַריינגעטראָגן. האַלבּ 5 אַזייגער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר אַזוי שטאַרק, אַז אַלע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט און געכאַפּט פֿאַר די פֿלינטן. די אַלטיטשקע איז צו צום טיר און האָט אויסגערופֿן: „דאָס זײַנען אונזערע!“ איך האָב אַ געשריי געטאָן: לייגט אַוועק די בּיקסן! אויבּ ניט וועט מען אונז אַלעמען אויסשיסן. עס האָבן זיך אַריינגעלאָזן 6 מאַן מיט די פֿלינטן פֿאָרויס. איינער אַ הויכער שוואַרצער מאַדיאַר האָט אַ געשריי געטאָן: „ווער קען דייטש?“ „איך!“ איז געווען מײַן ענטפֿער. ער האָט מיר באַפֿוילן, אַז איך זאָל זיי הייסן זיך אויסשטעלן צו צוויי. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט און געציטערט ווי אַ בּלאַט אין ווינט. די מאַדיאַרן האָבן זיך אַרופֿגעזעצט אַף די פֿערד, און אַ קאָמאַנדע געגעבן, מיר זאָלן גיין. זיי האָבן אונז אַרופֿגעטריבן אַף אַ גרויסן פּלאַץ. דאָ האָבן זיך איינג פֿונען געפֿאַנגענע אין די טויזנטער. אונזערע סאָלדאַטן, אָבאָזן, דאָקטוירים, שוועסטערן, אָפֿיצערן א. א. וו. דאָס איז געווען דעם 22=טן אַפּריל אין יאָר 1915 אין אַ פֿינצטערן, בּלאָטיקן, גוס=רעגנדיקן טאָג. אַרום אונז זײַנען געשטאַנען מאַדיאַרישע גוסאַרן מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. זיי האָבן אַף אונז אָנגעוואָרפֿן אַן אימה. עסן האָט מען אונז דערלאַנגט שטיקלעך ווערמדיקע וואורסט אָנע בּרויט. אַזוי זײַנען מיר געלעגן אַף דער בּלאָטיקער נאַסער ערד בּיז מיטיק צייט, דאַן האָט מען אונז אָנגעהויבן צו טרייבן. אַרום אונז זײַנען געריטן די גוסאַרן מיט די רעוואָלווערן אויסגעשטעלט. ערעסטירטע, קראַנקע און פֿאַרוואונדעטע האָט מען

געפירט אַף פורן. מיר זיינען דורך אַ שטעטל. ווער עס האָבן אונז באַוויזן אַ קולאַק און ווער עס האָבן אונז באַגריסט מיט האַנט־קושן און טאַשנטיכער. איך האָב זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז איך האָב שוין מער ניט געקענט גיין. איך בין צוגעגאַנגען צו אַן עסטרייכישן לייטענאַנט און האָב אים וועגן דעם געמעלדעט. ער האָט מיר תיכּף אָפּגעשטעלט און צוגערופן אַ סאַניטאַר, וועלכער האָט מיר אָפּגעמאָסטן די פיבער. די טעמפּעראַטור האָט געוויזן $40_1$. מען האָט פאַר מיר צורעכטגעמאַכט אַ פור מיט שטרוי. איך האָב זיך אַריינגעלייגט אין פור און בין איינגעשלאָפן, ניט פילנדיק פון זיך. איך בין ערשט געקומען צו זיך אין קראַקאָווער עפידעמיע⸗לאַזאַרעט. אַ באַרמהערציקע „שוועסטער" האָט מיר צוגעטראָגן טיי מיט ראָם. מיט פרייד האָב איך אָנגענומען איר פאָרשלאַג צו שיקן אַ קאַרטל אין מיין היים. דערהערנדיק דעם נאָמען פון מיין גובערניע, האָט זי זיך אָפּגערופן: „קורלאַנד געפינט זיך שוין אייך בא די דייטשן אין די הענט". די טעג האָבן זיך דאָ געצייגן לאַנגע טרויעריקע. אַרום מיר זיינען געשטאָרבן די צענדליקער מענטשן פון דער זעלביקער קראַנקהייט. ווען די קערפערס זיינען נאָך היים געווען, האָט מען זיי באַשאָטן מיט קאַלך און אַרויסגעטראָגן אין טרונעס. שולדיק זיינען געווען די עסטרייכישע סאָלדאַטן, וועלכע עס האָבן אַף זיי רחמנות געהאַט און געגעבן עסן שטילערהייט, אַז דער דאָקטאָר זאָל דערפון ניט וויסן. נאָכן אָפּעסן פלעגן זיי באַקומען דעם בראַנד אין די געדערים און שטאַרבן. מיר האָט מען אייך געגעבן צו עסן, נאָר איך האָב ניט גענומען. איך פלעג זיך בעטן בא די קראַנקע, זיי זאָלן ניט עסן, פלעגן זיי מיר ענטפערן: „מיר זיינען הונגעריק, מיר קענען ניט אויסהאַלטן, וואָס עס וועט זיין, וועט זיין". איך האָב 3 וואָכן צייט דאָ פאַרבראַכט אין הונגער. איינדערפרי פלעגט מען מיר געבן טיי מיט ראָם. מיטיק⸗צייט — צוויבאַק מיט אַ גלאָז מילך, אין אָוונט — ווידער טיי מיט ראָם. אַף די פירטע וואָך האָט מען מיר אויסגעשריבן פון לאַזאַרעט און אַוועקגעפירט אין אַן אַלטע צובראָכענע שטאַל. דאָ זיינען געווען נאָך געפאַנגענע. מען האָט אונז יעדערן אַרויס⸗

געגעבן אַ לעבל ברויט מיט אַ האַלבן שטיינגל ווערימדיקע וואורסט אַף דריי טעג צייט. נאָכדעם האָט מען אונז מיטן באַן אָפּגעשיקט ווייטער. מיר זיינען דורכגעפאָרן עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיען און אָנגעקומען אין אונגאַרן. מען האָט אונז פון דאַנען צוגעפירט ביז עסטער גאמער טאבאר לאַגער. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט רוען. מען האָט צוגעפירט 2 גרויסע קעסלען עסן. מיר זיינען גיך צוגעלאָפן, גענומען אונזערע קעסעלעך און געשטעלט אין דער ריי. ווען דער קאָך האָט געעפנט די דעקלען פון די קעסלען, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון גרויסן געשטאַנק. דאָך האָט יעדערער פון אונז געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד אפן פאַרשטונקענעם ביסל עסן. דער קאָך איז אַן עלטערער מאַן מיט א גרוילעכן באָרד, אויך אַ געפאַנגענער. ער טיילט איין פאַר אונז די פּאָרציעס עסן. פאַר מיר שטייט אין דער ריי אַ יונגער סאָלדאַט פון אַ יאָר 18. ער בעט דעם קאָך: „גיט מיר א ביסעלע מער, איך בין זייער הונגעריק". דאָ הויבט אוף דער אַלטער די אויגן און גיט אַ געשריי: „מיין קינד, מיין קינד!" „טאַטע! דו לעבסט, דו לעבסט!" — האָט דער סאָלדאַט מיט גרוים פרייד אויסגערופן. זיי האָבן זיך ביידע אַרומגעכאַפּט און זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. מען האָט תיכף אומגעביטן דעם קאָך און ווייטער געטיילט די עסן.

מען פירט אונז אין קאַראַנטין. מען מאַכט אַ באָד. אויסגעפּאַרעט אונזערע זאַכן, געאימפּט פּאָקן און געמאַכט אַן איינשפּריצונג קעגן קראַנקהייטן. נאָכדעם האָט מען אונז אַריינגעטריבן אין עסטערגאם-טאַבאָר לאַגער. גאַנצע 35 באַראַקן האָבן זיך דאָ געפונען. דער לאַגער אַרום איז פאַרצוינגן מיט דראָט-פאַרצוימונגען. הינטער און פאַר די פאַרצוימונגען, זיינען אַרומגעגאַנגען וואַך-פּאָסטנס.

# הונגער.

מען פירט אונז אַלץ ווייטער און ווייטער. מיר גייען פאַרבײַ אַ בית-עלמין, אַ שול, אַ קירך און ענדלעך דערגרייכן מיר אַ לאַזאַרעט. מען פאַרטיילט אונז אין די באַראַקעס. מיר האָט מען איינגעטיילט אין פופצענטן באַראַק. אין יעדן באַראַק איז דאָ אַ טאָלמאַטש. מען האָט אונז צוטיילט אין ווזוואָדן. איך בין געווען אין ערשטן ווזוואָד. אין די באַראַקן זײַנען פאַראַן צוויי רייען נאַרעס, אַן אויבערשטע און אונטערשטע. איך באַקום אַן אונטערשטע נאַרע. פון די אויבערשטע אַ נאַרע פאַלט אַנדערש מאָל אַראָפּ אַף דער אונטערשטער פאַרשידענע אומרייניקייטן: וואַנצן, שטויב און זאַמד. בײַנאַכט שיינט קוים אַ קלייניקער עלעקטרישער לעמפּל. בײַ די זײַטן און אין די ווינקלען איז אַ חושך. פאַרטאָג פלעגט מען טרײַבן אין לאַגער גופא אַף אַרבעט. עסן ווערט וואָס פון טאָג אַלץ ערגער. מיר באַקומען אַ פערטל פונט ברויט אַ טאָג. אַנדערע בײַטן אויס זייער ברויט אַף טאַבאַק, ווײַל בײַ זיי איז דאָס טײַערער ווי עסן. די מיטאָג-פּאָרציע איז באַשטאַנען פון פערדן-פלייש מיט זופּ. עס פלעגט אָבער פּאַסירן, אַז אויך פערדנפלייש האָט אויסגעפעלט. האָט מען אָנגעהויבן קאָכן פלייש פון ים-הינט, און אָוונט באַקומט מען ניט קיין עסן, נאָר טיי. עטלעכע מאָל איז געקומען אַן עסטרײַכישער מיליטער-דאָקטאָר. מיר האָבן זיך פאַר אים באַקלאָגט אַף די שלעכטע עסן. אַף דעם האָט ער געענטפערט: „וואָס ווילט איר, מיר זאָלן אײַך געבן געבראָטענע בראָטן? אין קריגס-צײַט דאַרף מען זײַן צופרידן, וואָס מען באַקומט צו עסן". מיט אונזער קלאָגן זײַן האָבן מיר צײַטנווײַז פאַרערגערט אונזער לאַגע. די דיסציפּלין איז געווען פאַר אונז זייער אַ שטרענגע. פאַר די קלענסטע זינד האָט מען באַ-

שטראָפט מיטן געבן נאָך ווייניקער עסן. מען פלעגט זוכן אין די מיסטקאַסטנס וואָס צו עסן. וואָס די עסטרייכער סאָלדאַטן פלעגן אַרויסוואַרפן, האָבן מיר צוזאַמענגעקליבן, אָפּגעוואַשן און אויפגעגעסן.

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו זען אָט וואָס: מיטאָג צייט. מיט די קעסלען אין די הענט וואַרטן מיר אומגעדולדיק אױפן באַפעל צו גיין נעמען עסן. מיר זיינען פון דער 15־טער באַראַקע. זעען מיר, ווי איינער אַ סאָלדאַט לויפט אַרויס פון דער 14־טער באַראַק און שטעלט זיך אין אונזער ריי. מיר האָבן געשוויגן. דאָס האָט אָבער באַמערקט אַ מאַדיאַרישער אונטעראָפיצער. האָט ער אים מיטן שאַרף פון באַגנעט דערשטאָכן אַזוי, אַז יענער איז געבליבן ליגן אַ טויטער. דאָס האָט אויף אונז געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. איינמאָל אַ זונטיק, מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן מיטאָג, רופט מען אויס: „רוסען! קומט נאָך נעמען אַן עסן־הוספה”. גאַנצע מאַסן האָבן זיך געלאָזן צום קעסל. אַ מאַדיאַר האָט געעפנט אַ גרויסן שלויך און געלאָזן אויף אונז אַ שטאַרקן שטראָם וואַסער. ס'איז געוואָרן אַ געלאַף. מען האָט אונז נאָכגעיאָגט און פון אַלע זייטן געשלאָגן מיט נאַגאַיקעס. די אָפיצערן און רייכע דאַמען, וואָס זיינען געווען אַרום, האָבן זיך געקייקלט פאַר געלעכטער. מען האָט אונז נאָכדעם געצוואונגען צו גיין טאַנצן און זינגען פאַר די אָפיצערן מיט דאַמען.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן, און אָפּגעשליסן. זעלטן ווען מען האָט געהאַט אַ גאַנצע העמד. אין אָוונט נאָך דער אַרבעט פלעגט מען זיך נעמען פאַרלאַטענען די קליידער. אַ טייל געפאַנגענע האָט זיך נאָך דער אַרבעט פאַרנומען מיט שניצערייען. די אויפזעערס פלעגן דאָס אויסנאַרן פאַר אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ ביסל טאַבאַק. אַנדערע פלעגן שפּילן אין קאָרטן, ריידן, קאָמאַנדעווען.

אין אונזער באַראַק האָט מען איינמאָל אָפּגעקליבן 43 מאַן, מען האָט אונז אַרויסגעגעבן שיך אַנשטאָט די האָלצערנע פאַנטאָפל און עסטרייכישע אַלטע מונדירן. מיט אַ ספּע=

ציעלן פּאָסטן האָט מען אונז אַוועקגעשיקט אין אַ דאָרף. דאָס
איז געווען אַ סלאַוואַנישער דאָרף. אין אַ גרויסע געבויטע שטאַל
זיינען געלעגן שטרוי=זעק אַף דער ערד. מיר האָבן זיך אַלע
געלייגט אָפּרוען. מען האָט אונז אַריינגעטראָגן עסן. מיר האָבן
עס פאַרשלונגען מיט גרוים אַפּעטיט. 4 אַזייגער פאַרטאָג האָט
מען אונז אויפגעוועקט, און געהייסן זיך גרייטן צו גיין אַף פעלד=
אַרבעט. צו אונז איז אַריין אַ פאַרוואַלטער פון דער אי=
מעניע אַ נידעריקער מענטש מיט אַ גרויסן פייף אין מויל האָט
אונז געפירט אַפן פעלד אַרבעטן צוזאַמען מיט ציוויל=פּערזאָנען.
מיר האָבן געאַרבעט ביז עס איז געוואָרן פינסטער. נאָכדעם
האָט מען אונז אָפּגעפירט אַהיים. אַזוי איז אַוועק אַ וואָך. זונ=
טיק זיינען די איינוואוינער פון דאָרף געקומען צו אונז אַפן
הויף. מיר האָבן גערעדט און פאַרבראַכט ווי פריינט. אַזוי
זיינען אַוועק וואָכן און חדשים. מען האָט אונז געצאָלט דריי
קראָנען און געגעבן צוויי פּעקלעך טאַבאַק אַ וואָך. אויך גוטע
עסנס. וואָס ווייטער איז אָבער די עסן אַלץ ערגער געוואָרן.
צוליב דעם זיינען פאָרגעקומען מערערע דערקראַנקונגען. אויך
די באַציאונג צו אונז איז געוואָרן ערגער און אומדערטרעגלע=
כער. איין מאָל אין חודש איז געקומען אַ דאָקטאָר. יענעם
טאָג פלעגט מען געבן גוטע עסנס און זיך בעסער באַציען נאָר
נאָכדעם איז געווען די זעלבע ווי פריער. איינמאָל האָבן מיר
זיך אָפּגערעדט צו באַהאַלטן די עסן און דאָס ווייזן דעם דאָק=
טאָר. איך האָב גענומען די שלעכטע עסן און באַוויזן דעם
דאָקטאָר ער האָט דאָס באַטראַכט און איז נאָכדעם אַוועק...

שפּעטער האָט דער פּאָסטן מיך אַריינגערופן צום פּאָ=
מעשטשיק. וועלכער האָט אַ טראַמפּל נעטאָן מיט די פיס און
אויפגערעקטערהייט געשריען אַף מיר, אַז איך בין אַ בונטאָווטשיק.
לויטן פּאָמעשטשיקס באַפעל האָט דער פּאָסטן גענומען אַ בײנקל,
צוגעשטעלט צום וואַנט. אַפן וואַנט איז געווען צוגעגרייט אַ
גרויסער אייזערנער רינג. מ'האָט צוגעבונדן מיינע הענט פון
הינטן, אַרופגעשטעלט אַפן בײנקל, און די צונויפגעבונדענע
הענט אָנגעשלאָסן צום אייזערנעם רינג און צוגענומען דעם בײנקל.

איך בין געבליבן הײנגען אין דער לופטן בערך פינף מינוט ביז איך האָב געחלשט. מען האָט מיר אָפּגעמינטערט מיט אַן עמער וואַסער. זיך געלאָזן אפּרוען און ווידער געלאָזן הײנגען אין דער לופטן. אין צווײ מינוט אַרום האָט מען מיך אַראָפּגענומען פון דער „תליה". אַף די הענט האָט זיך באַוויזן אַ שטאַרקע געשוואָלנקייט. איך האָב ניט געקענט אײנשטײן אַף די פיס. איך בין געפאַלן אַף דער ערד און מער ניט געקענט אופשטײן. איך האָב זיך אַוועקגעלײגט אַף די שטרוי און וועגן אַלץ דערצײלט מײנע חברים. זײ זײנען אופגעציטערט געוואָרן. מאָנטיק אַף דער אַרבעט. האָב איך דערצײלט וועגן דעם די אײנוואוינער פון דאָרף. אײנער פון זײ האָט זיך אָפּגערופן: „איר זײט דאָך אַ געפאַנגענער, אָבער מיט אונז, בירגער. טוט דער פּאָמעשטשיק אויך דאָס זעלביקע". פון דעמאָלט אָן איז די עסן טאַקע געוואָרן בעסער, אָבער מיר האָבן דער פּאָמעשטשיק און פּאַסטן אָפּגעטאָן, וואָס האָבן נאָר געקענט. אײנמאָל, זונטיק, ווען מיר האָבן זיך גערוט, איז צוגעקומען צו מיר דער פּאַסטן און גערופן מיר אַרויסראַמען פון שטאַל די מיסט. איך ענטפער אים, אַז הײנט איז בײַ מיר אַ רו=טאָג. ער ווערט שטאַרק אופגעקאָכט, כאַפּט אַרויס אַ קינזשאַל און וויל מיר שטעכן. איך האָב אָנגעכאַפּט דעם קינזשאַל פאַרן שאַרף און זיך צושניטן די רעכטע האַנט. ער האָט זיך זײער דערשראָקן, געמאַכט מיר גלײך אַ פאַרבאַנד און זיך געבעטן, איך זאָל דאָס ווײטער ניט מעלדן. אַ פעלדשער פון דאָרף האָט מיר מײַן האַנט געהײלט. דאָס האָט געדויערט 2 וואָכן. און נאָכדעם האָב איך זיך ווידער פאַרנומען מיט אַרבעט. אַ טײל פון אונז האָבן געשניטן הײ און אַ טײל האָבן געדראָשן די קאָרן. אַזוי איז אַוועק דער זומער. עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט. עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. אַ טײל געפאַנגענע זײנען געבליבן אין דאָרף. און מיר מיט 10 מאַן האָט מען אַוועקגעשיקט אין אַ גרויסן אַרבעטס=לאַגער באַטיאַן, מען האָט דאָ געבויט אַ באַנליניע. מיר זײנען געווען 3200 געפאַנגענע און געלעבט אין האָלצערנע באַראַקן, וואו עס האָט אַרײַנגערעגנט. דאָ זײנען אויך

געווען ציוויל־אינזשענערן און מייסטערס. זיי האָבן געהאַט גע־מויערטע הייזער מיט עלעקטריע. זיי האָבן געלעבט שיין און עלעגאַנט, געטרונקען און געהולעט. מיר זיינען געגאַנגען אין האָלצערנע פּאַנטאָפל אַרומגעבונדן מיט לופּעטעס. אין די גרעסטע רעגנס און בלאָטעס פלעגט מען אונז טרייבן אַף אַרבעט, פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט. עסן דאָט מען אונז געגעבן צען מאָל ערגער, ווי אין עסטארגאם טאַבאָר. אפילו זונטיק האָבן מיר אויך ניט געהאַט קיין רו. מיר האָבן געמוזט ראַמען שמוץ און אַליין, אַוועקפירן, שלעפּנדיק די וואָגנס. מיר האָבן אָפּגעאַרבעט א גאַנצן ווינטער. פּסח־צייט האָט מען אויסגעקליבן פון אונז 23 מאַן און אָפּגעשיקט צוריק אין עסטארגאם־טאַבאר לאגער. מיר זיינען געווען 55 מאַן און אָפּגע־שטאַנען אַ חודש, ביז מען האָט אונז אָפּגעשיקט אין אַ קליין שטעטעלע, וואו מיר האָבן דאָ געאַרבעט אין פינסטערע קוילן־שאַכטעס. די אַרבעט איז געווען אַ שרעקלעך שווערע. די העמדער זיינען געוואָרן פייכט און האָבן זיך צוגעקלעפּט צום לייב, מען פלעגט קוים דערלעבן אַרויסצוקריכן פון די שאַכטעס. מען האָט געמוזט גוט אויסשווייַנקען די האַלז פון שטויב. מיר האָבן געלעבט אין אַ קלייניקע הייזעלע אין דער גרעסטער איינגשאַפּט. די באַציאונג איז אויך געווען אַ שלעכטע. עטלעכע פון אונז האָבן באַשלאָסן פון דאַנען צו אַנטלויפן.

# איך לויף פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט.

אין אַ פֿינסטערע נאַכט, ווען אַלע זיינען אין רעכט טיפֿן שלאָף, זיינען מיר זעקס מאַן אַרויסגעקראָכן דורכן פֿענסטער און זיינען אוועק. מיר זיינען אַריין אין אַ זייער געדיכטן וואַלד. געגאַנגען די גאַנצע נאַכט, אין אַ קליינינקע הייזעלע האָבן זיך געפֿונען רומעניער, וואָס האָבן אונז זייער פֿריינדלעך אופֿגענומען, געגעבן צו עסן און אָנגעוויזן דעם וועג צו דער רומענישער גרענעץ. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען און געגאַנגען. פֿאַרטאָג זיינען מיר אַרויס פֿון וואַלד. פּלוצלונג דערהערן מיר אַ געשריי: „שטייט!" און תּיכּף אַ שאָס.

דאָס זיינען געווען אונגאַרישע זשאַנדאַרמען. מען האָט אונז געבונדן די הענט פֿון הינטן און אַריינגעטריבן אין אַ קליין שטעטעלע. אַלע האָבן אויף אונז געקוקט ווי אויף רויבערס. מען האָט אונז געבראַכט צום קאָמענדאַנט — אַ הויכער, אַ דיקער. ער האָט אונז זייער שטרייַנג אָנגעקוקט און זיך געווענדעט צו מיר געזאָגט: „יודע איינער, דו ווילסט נאַך רוסלאַנד לויפֿן אונד פֿאָן אונזערן לאַגער איבערגעבן? איך ווערדע דיר שוין צייגען, שפּיאָן איינער!" ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין די ציינער, אַז איך בין באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. ער האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן די זשאַנדאַרמען און זיי באַפֿוילן אונז צו לייגן קייטן אויף די הענט און צו פֿירן אונז ווייטער אין וועג אַריין. מיר זיינען געגאַנגען פֿאַרמאַטערטע און דערשלאָגענע. מען האָט אונז צוריק געבראַכט אין עסטערגאַם־טאַבאַר לאַגער. מיר האָבן באַקומען 2 וואָכן שטרייַנגען אַרעסט. מען האָט מיר אַוועקגע־זעצט אַליין אין אַן איינגען שמוציקן פֿינסטערן צימער. די לופֿט איז געווען שווער און אונדערטרעגלעך. דערביי האָט זיך געפֿונען אַ פֿאַרשטונקענער מיסקאַסטן, וועלכער האָט געפּאַרעט פֿון היץ און דעם גאַנצן געשטאַנק אַריינגעצייגן צו מיר אין קאַמער. שלאָפֿן האָב איך ניט געקענט. די מייז און ראַצן האָבן נישט צן רו געלאָזן.

# אַף קאַטאָרזשנער אַרבעט.

נאָכדעם האָט מען מיך אַװעקגעשיקט אַף אַרבעט אין מיסקאָלץ אין אַ קלײן שטעטעלע. דאָ האָבן זיך אױך גע-פונען די איבעריקע געפאַנגענע. מיר האָבן געהאַקט שטײנער און געברענט קאַלך. די אַרבעט איז געװען ניט קײן לײכטע, דערצו נאָך די גרױסע היצן. מיר פלעגן אַרבעטן האַלב נאַקעט. אַ שרעקלעכע היץ. פירנדיק אַ טאַטשקע מיט שטײנער, בין איך אַהינגעפאַלן און זיך מער ניט געקענט אױפהײבן. מײנע חברים זײנען צו מיר צוגעלאָפן, אַװעקגעלײגט אין הױף אַף שטרױ און אַרױסגערופן טעלעפאָניש אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר באַזיכטיקט מיר און מעסט אױס די טעמפּעראַטור. 40 גראַד היץ. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, דאָס איך האָב טיפוס. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז געקומען אַ סאַניטאַרנער װאָגן, װאָס האָט מיך געבראַכט צום באַן און מיך אָפּגעשיקט קײן בודאַפּעשט. אין בו-דאַפּעשט האָט אַ סאַניטאַר-אױטאָמאָביל מיך אָפּגעפירט אין לאַ-זאַרעט. אין אַ פּאָר טעג נאָכן קריזיס און איך האָב זיך שױן געפילט אַ סך לײכטער, האָב איך דערזען אַרום זיך אַ סך קראַנקע. לעבן מיר איז געלעגן אַן איטאַליענער. איך פרעג אים: „װי קומט איר אַהער?" „דאָ איז אַ רעזערװ-שפּיטאָל פון פאַרשײדענע קראַנקע, געפאַנגענע און אײגענע סאָלדאַטן. די באַציאונג צװישן זײ איז אַ ברידערלעכע. אין פּאַלאַטע געפינען זיך ביז 175 קראַנקע. דאָקטױרים און שװעסטערן זײנען פאַרשײדענע. עסן גיט מען גוטע. די באַציאונג אױך ניט שלעכטע.

נאָך 9 װאָכן האָט מען מיר פון דאַנעט אױסגעשריבן און מיט אַ ספּעציעלן פּאָסטן אָפּגעשיקט נאָכן הײמאַסכירער לאַגער. דאָ בין איך גלײך אָנגעקומען אין לאַגער-לאַזאַרעט. דער באַראַק אי' געװען אין אַ האָלצערנע געבײדע. אַרום און אַרום מיט שױבן, פּונקט װי אַקור-הױז. סאַניטאַרן זײנען געװען אונזערע אײגענע געפאַנגענע. דאָקטױרים עסטרײַכער. עסן האָט מען גע-געבן: אינדערפרי — טײ מיט ראָם און צװיבאַק, מיטאָג —

פלייש מיט זופּ. אינאָוונט — מילך־שפּייז. מיר זיינען דאָ אַלע געווען שוואַכע מענטשן. איינטאָג פאַל איך פלוצלונג אַראָפּ פון בעטל און פאַרליר דעם באַוואוסטזיין. אין 2 מינוטן אַרום כאַפּ איך זיך אויף און דערזע, אַז אַלץ אַף מיר איז צוריסן. פון מויל איז געגאַנ׳ען שוים און פון נאָז בלוט. אינאָוונט איז ווידער פאָרגעקומען דער זעלביקער פאַל. אַף מאָרגן האָט מען מיר אַריינגעפירט אין ערשטן באַראַק. באַם טיש איז געזעסן מיליטער־ און ציוויל־דאָקטוירים. מען האָט מיר גענוי באַזיכטיקט און געהייסן גיין צוריק אין מיין באַראַק. דאָ איז ווידער פאָרגעקומען אַן אָנפאַל. פאַרנאַכט גייט צו אַ סאַניטאַר און שרייבט אַפן טאָוול פון מיין בעטל. איך פרעג אים: „וואָס שרייבט איר אַפן טאָוול?“ ענטפערט ער מיר: „איך שרייב, אַז איר זייט אַן אינוואַליד“. ער זאָגט מיר, אַז די נעכטיקע קריגס־קאָמיסיע האָט באַשלאָסן מיר אָפּצושיקן צוריק קיין רוסלאַנד, ווי אַן אינוואַליד.

אַביסל שפּעטער, האָט מען מיך אַריינגערופן אין קאַנצעליאַריע. די שרייבערס זיינען געווען געפאַנגענע רוסן. די שרייבערס זאָגן מיר אין אַ פריילעכן טאָן: „חבר, דו וועסט אינגיכן פאָרן אין דיין אייגן היים!“ פלוצלונג ווערט מיר שלעכט און איך פאַל אין אונמאַכט. צוויי שרייבערס האָבן מיר אָפּגעמינטערט און אַריינגעטראָגן אין לאַזאַרעט. 3 ביז 4 מאָל אַ טאָג פלעגט מיר אויפקומען די קראַנקהייט. די דאָקטוירים האָבן דאָס אנערקענט פאַר אַן אָנפאַלנדע קראַנקהייט, וועלכע הייסט עפּילעפּסיע. אַזוי האָב איך זיך אָפּגעקוויאָלן צוועלף וואָכן. נאָכדעם האָט מען פון אונז געפאַנגענע אָפּגעקליבן 44 מאַן און אונז אָפּגעשיקט אין לאגער סאמארא. אַפן וועג האָב איך קיין שום מעדיצינישע הילף ניט געהאַט, נאָר מיינע חברים האָבן מיר געהאָלפן לויט זייערע מעגלעכקייטן. ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אין לאגער סאמארא. עס איז ווינטער און איך טראָג אַ דינעם שינעל. ס׳איז שטאַרק קאַלט און איך בין הונגעריק. דאָ האָב איך ווידער באַקומען אַן אָנפאַל. אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געזען, אַז איך ליג אין שניי. מיין קערפּער איז שטייף און פאַרפראָרן. אַרום מיר שטייען מערערע געפאַנגענע. זיי האָבן מיר אַריינגעטראָגן

אין לאַזאַרעט פֿון לאַגער. דער באַראַק איז ניט געהייצט. אַ פּאָר חברים האָבן פֿון זיך אַרונטערגענומען די ש׳נעלן און מיר צוגעדעקט. אַזוי האָב איך מיר אַביסל דערוואַרעמט. ערשט אַף מאָרגן אינדערפֿרי איז געקומען אַ דאָקטאָר מיט אַ טאָלמאַטש. דער דאָקטאָר האָט זיך באַ קיינעם ניט אָפּגעשטעלט. דאָ זיינען אַלע געווען געפֿאַנגענע אינוואַלידן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אָפּגעשיקט ווערן צוריק קיין רוסלאַנד. די אופּפּאַסונג און די פֿלעגע איז געווען זייער אַ שלעכטע. מיר האָבן געמוזט קראַנקערהייט וואַשן אַליין אונזערע וועש. אפֿילו שלאָפֿן אין באַראַק האָבן מיר אויך רואיק ניט געקענט: גרויסע פֿעלד ראַצן האָבן שטענדיק אַרום אונז געטאַנצט. מיט די חברים־געפֿאַנגענע זיינען מיר געווען אין זייער גוטע באַציאונגען. זיי זיינען געווען צו מיר זייער צוגעטאָן, האָבן מיר אופּגעפּאַסט און ניט געלאָזן בלייבן אַליין. דאָ אין לאַגער האָבן די געפֿאַנגענע געהאַט אַן אייגענעם הילפֿס־קאָמיטעט. און פֿון דאַנען פֿלעגן טאַקע מיינע חברים מיר ברייגנען 2 מאָל אַ וואָך אַ קליינעם לעבל ברויט.

איין טאָג רופֿט מען מיר אַף אַן אויבער־קאָמיסיע. אין אַ גרויסן, שיינעם ליכטיקן צימער האָבן זיך געפֿונען מערערע דאָקטוירים און אייניקע סאַניטאַרן. די דאָקטוירים האָבן איינגעפֿונען, אַז איך בין טאַקע אַן אינוואַליד.

פֿונאַוונט ליג איך אין בעט, באַדעקט מיטן שינעל איבערן קאָפּ. פֿלוצלונג פֿיל איך ווי מען דעקט אויף מיין שינעל. איך זע אַ סאַניטאַר (אַ רוס) שטייט לעבן מיר און זאָגט: זיי גרייט, דו פֿאָרסט קיין רוסלאַנד!״ ער האָט אַוועקגעלייגט אַף מיין בעטל אַלטע קליידער, וועש און אַ פּאָר שניר־שטיוול.

איך בין געלעגן אין בעט און געדרעמלט. פֿלוצלונג דערהער איך אַ גערויש און געשריי. איך פֿרעג: „וואָס איז דאָ אַזוינס געשען?״ מיט טרערן אַף די אויגן זאָגט מען מיר, אַז חבר איוואַנאָוו איז נאָר וואָס געשטאָרבן. די גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפֿן פֿון אויפֿרעקונג. דאָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופֿן אַף מיין צושטאַנד און איך האָב זיך נאָך שווערער גענומען פֿילן.

# צוריק א היים אלס אינוואליד.

פינף אזייגער אינדערפרי האָבן מיר זיך אָנגעטאָן. מיר זיינען געווען 73 מאַן. פונקט 7 אַזייגער זיינען אַריין צו אונז פּאָסטנס. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. מיך מיט נאָך איי=ניקע קראַנקע האָט מען געפירט צום באַן אָף וואַגאָנעטקעס. מיר זיינען אַריין אין סאַניטאַר=וואַגאָנעס. דאָ זיינען געווען דאָק=טוירים און סאַניטאַרן. פאַר מיר איז געווען אַ ספּעציעלער סאַני=טאַר, וואָס האָט מיר אופגעפּאַסט ביז טרעזינשטאַט, וואו מיר זיי=נען אָנגעקומען אין אָוונט. דער לאַגער איז ניט ווייט פון דער סטאַנציע. זיינען מיר צוגעגאַנגען צופוס. מען האָט אונז אַלעמען אַריינגעפירט אין אַ באַראַק. די נאַכט איז געווען אַ שרעקלעכע. דאָ ליגן שווינדזיכטיקע, שפּייען מיט בלוט. פאַר מיינע אויגן שטאַרבן שווערע קראַנקע. דאָ געפינען זיך אויך טיפוזניקע קראַנקע און אַזעלכע, וועלכע זיינען אָן הענט און פיס.

9 אַזייגער אינדערפרי קומט אַריין אַ דאָקטאָר מיט אַ טאָלמאַטש, דער דאָקטאָר באַשטימט, אַז איך זאָל שוין היינט אָפּפאָרן מיטן ערשטן עשאַלאָן. 2 אַזייגער באַטאָג קומען אַריין סאַניטאַרן (געפאַנגענע רוסן), זיי טראָגן מיר אַריין אין אַ סאַ-ניטאַר=וואָגן. אָף דער סטאַנציע וואַרט אָף אונז אַ סאַניטאַר=וואַ=גאָן. מען האָט מיר אַריינגעטראָגן אין א קופּע און אוועקגעלייגט מיר אָף נידעריקן בעטל. אַ סאַניטאַר האָט זיך אוועקגעזעצט נעבן מיין בעטל און האָט מיר אופגעפּאַסט. אָפן דייטשן גרעניץ האָבן אונז אופגענומען דייטשע און שוועדישע דאָקטוירים. מען האָט אונז באַזיכטיקט און אַרופגעפירט אָף אַ שיף. אָפן שיף איז געווען אַ ווייסע פאָן מיט אַ קרייץ. אַ באַרמהערציקע שוועסטער זאָגט מיר, אַז דאָ זיינען פאַראַן 240 אינוואַלידן. אָפן שיף האָב איך באַקומען די ים=קראַנקהייט. א שוועדישע שוועסטער האָט מיר זייער אופגעפּאַסט. זי איז געווען זייער אַ גוטע. אָפן דריטן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין שטאָקהאָלם. מען האָט אונז אי=בערגעפירט אין אַ סאַניטאַר=וואַגאָן. דער וואַגאָן איז געווען זייער אַ שיינער.

אין פינלאַנד האָבן אונז אופגענומען רוסישע שוועסטערן און דאָקטוירים. דאָ האָט מען אונז געגעבן עסן, די אמתע סאָלדאַטישע שפייזן: מיר האָבן באַקומען צו מיטאָג אַ פּאָרציע קרויט, פלייש און ברויט. נאָכדעם האָט מען אונז אָפגעשיקט קיין פעטראָגראַד. מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט אַפּן וואָקזאַל. מען האָט צוערשט אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן פון דעם וואַגאָן א ריי ארונות. גאַנצע — 23 האָט מען פאַר מיינע אויגן אַרויסגעטראָגן. דאָס זיינען געווען די, וואָס האָבן ניט דערלעבט צו קומען אין זייער היים. 2 סאַניטאַרן האָבן מיר גענומען אונטער אָרם און אַרויסגעפירט פון וואַגאָן. דאָ דערהער איך מיטאַמאָלן אַ קלאַפּ. איך בין געפאַלן און בין געבליבן ליגן אין אונמאַכט. אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך דערזען א מאסע מענטשן מען האָט מיר תיכף אַוועקגעלייגט אין אַ סאַניטאַר=אווטאָמאָביל און אָפגעפירט אין לאַזאַרעט.

אין לאַזאַרעט האָט מען מיר געמאַכט אַ וואַנע און אַריינגעטראָגן אין אַלגעמיינעם באַראַק. אַרום ליגן אַ מאַסע קראַנקע. זיי קרעכצן און זיפצן פון ווייטיק. נעבן מיר ליגט אַ קראַנקער און וויינט שרעקלעך אין זיך. איך פאַרבינד זיך מיט אים אין אַ שמועס פון וואָס ער ליידט. ער ענטפערט: „מען האָט מיר אַרונטערגענומען די לינקע פוס ביז די קני. ווי קען איך איצט לעבן אַזאַ קאַליקע? וואָס וועלן זאָגן מיין פרוי און קינדער, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזן אָן מיטלען צום לעבן? ווי וועל איך קענען עקסיסטירן און פאַרדינען? ניין, ניין, ניין. איך קען און טאָר זיך ניט ווייזן אין מיין היים מיט אַזאַ אומגליק!” דער באַראַק האַלט דאָ אין איין זשוזשענען און כאָרכלען. איך זע אייניקע שווער קראַנקע, וועלכע האַלטן שוין באַם אויסגיין. דאָ קומט אָנגעפאָרן אַ קליינער פלאַכער וועגעלע, וואָס פירט זיי צו ביזן מתים=שטיבל. מען שטאַרבט דאָ דורך טאָג און דורך נאַכט. זיי באַפרייען זייערע ערטער, און אַלץ נייע קראַנקע קומען צו און פאַרנעמען עס. די ביסל אָפרו באַנאַכט האָבן מיר אויך ניט, איינער פון די קראַנקע וויינט און קלאָגט, אַ דריטער שרייט גאָר פון שלאָף. איך וואָלט זיך זייער וועלן באַפרייען פון דער דאָזי=

קער אומגליקלעכער באַראַק. אינדערפֿרי, ליגנדיק אויפֿן בעט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מײַנע פֿרײַנט װעלכע געפֿינען זיך אין פּעטראָגראַד. איך האָב זײ אָנגעשריבן אַ בריװ. זײ זײַנען געקומען באַזוכן. מײַן פֿרייד איז געװען גרױס, דען פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָב איך קײן באַזוך ניט געהאַט און בין געװען עלנט װי אַ שטײן. זעענדיק מײַנע פֿרײַנט הױב איך אָן זײער צו בענקען אַהײם. דורך מײַנע פֿרײַנט בין איך טאַקע דערגאַנגען, אַז מײַנע שװעסטערן און ברודער געפֿינען זיך אין ריגע. איך האָב מיט אומגעדולד געװאַרט אויף דער גליקלעכער צײַט, װען איך װעל פֿון דאַנען באַפֿרײַט װערן און זיך אומקערן אַהײם.

אין לאַזאַרעט בין איך אָפּגעלעגן 21 טעג. ביז מען האָט ענדלעך באַשלאָסן מיך פֿון דאַנען אױסצושרײַבן. מען האָט מיר אינדערפֿרי אַרױסגעגעבן װאַרימע קלײדער (אַ פּאָר װאָליקעס מיט אַ סאָלדאַטישן שינעל) און מיט אַ ספּעציעלן באַגלײטער אָפּגעשיקט צום באַן, װאָס גײט נאָך ריגע. דער באַן איז געװען איבערפֿולט מיט סאָלדאַטן און ציװיל־פּערזאָנען. מיר האָבן זיך װי נישט איז אַרײַנגעשטופּט. 2 אַזײגער (דעם 25 יאַנװאַר 1917) אין אַ װינטערדיקע קאַלטע־פֿראָסטיקע נאַכט זײַנען מיר אָנגעקומען אין ריגע. אַרױסגײענדיק פֿון װאַגאָן האַלט מיר אָפּ אַן אָפֿיצער און בעט דאָקומענטן. מײַן באַגלײטער װײַזט אים מײַנע פּאַפּירן ער גיט אַ קוק און גײט אַװעק.

איך נעם אַ פֿורמאַן און פֿאָר צו מײַן הײם, װוּ מײַנע שװעסטערן געפֿינען זיך. איך קלאַפּ אָן אין טיר קומט מיר מײַן שװעסטער אַנטקעגן און עפֿנט די טיר. מיך דערזעענדיק איז זי פֿון איבעראַשונג און פֿרייד װי פֿאַרשטײנערט געװאָרן און ניט געקענט אַ װאָרט אױסרײדן. שװײַגנדיק זײַנען מיר אײנער דעם אַנדערן געפֿאַלן אין די אָרעמס. איך גיב איר אַ פֿרעג װוּ די עלטערע שװעסטער איז. זי ענטפֿערט מיר טרױעריק, אַז די שװעסטער איז ניט גאָר אינגאַנצן אין געזונט, זי ליגט אין דער־בײַאיקן צימער. אַ קלײנער לאָמפּ ברענט אויפֿן װאַנט. איך גײ אַרײַן און זע מײַן שװעסטער ליגט שװער קראַנק. רײדן האָט זי שױן ניט געקענט, נאָר זי װינקט צו מיר מיט די הענט. איך

האָב דעם איינדרוק — אַז זי האָט מיר דערקענט. איך האָב אָבער זיך געטרייסט, אַז באַלד־באַלד וועט זי מסתמא אָנהויבן ריידן. באַלד וועט זי מיר דערציילן פון איר קראַנקהייט און איבערלעבונג. די גאַנצע נאַכט שטיי איך נעבן איר בעטל. איך האָב געוואַרט און גערעכנט, אַז זי וועט זיך בעסערן. איך בין אָבער געבליבן אַזוי שטיין נעבן איר בעטל אַ נידערשלאָגענער ביזן פרימאָרגן.

8 אַזייגער אינדערפרי קומט צו מיר מיין באַגלייטער, און פירט מיך מעלדן באַם וואָיאינסקן נאַטשאַלניק. דער באַגלייטער מיינער נעמט אַרויס מיינע פאַפירן און ווייזט אים, אַז מען האָט מיך אָפּגעשיקט — אַלס אינוואַליד פון געפאַנגענשאַפט. „נו, גיי אַהיים"—רופט זיך אָפּ דער נאַטשאַלניק. דער באַגלייטער מיינער באַגלייט מיר ביז צום טיר, גיט מיר אָפּ מיינע פאַפירן, געזעגנט זיך מיט מיר זייער פריינטלעך און גייט אַוועק. איך עפן די טיר און איך דערזע פאַר זיך אַ שרעקלעכן בילד: מיין שוועסטער ליגט אַפן בעט אַן אויסגעלאָשענע, אַ טויטע. צוקוקנדיק דעם דאָזיקן טרויעריקן בילד פאַל איך אין חלשות. אַז איך בין געקומען צו זיך, בין איך געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב אַף די פיס ניט געקענט איינשטיין. מען האָט מיך אַוועקגעלייגט אין בעט. איך בין קראַנק געוואָרן און אָפּגעלעגן צוויי וואָכן. דער טויט פון מיין שוועסטער און מיין קראַנקהייט האָט זיך זייער שווער אָפּגערופן אַף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון מיין היים. יואָס פון טאָג, איז באַ אונז די לאַגע אַלץ טרויעריקער און ערגער געוואָרן. עס איז דערגאַנגען אַזו ווייט, אַז אַפילו די מינימאַלסטע דורכקומעניש האָט אויסגעפעלט. קראַנקערהייט גיי איך אַרויס אין גאַס אַרבעט זוכן. איך פרעג באַ איינעם, באַ אַ צווייטן, נאָר פון אַלעמען באַקום איך דעם זעלבן ענטפער: נישטאָ, נישטאָ קיין אַרבעט. איך האָב נישט קיין אַרבעט, איך האָב ניט מיט וואָס צו עקסיסטירן. און דאָ קומט מיר אויף מיין קראַנקהייט. איך פאַל אַהין און פיל ניט מער פון זיך.

פאַרוואָס, פאַרווען און פאַר וועמען האָב איך מיין בלוט פאַרגאָסן און מיין לעבן צופּטרט ?!...

# Afn front un in gefangenschaft

no M. ŠABEL.

Tipografija «Splendid», Kungu ielā Talr. 27249